STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09902

LEBN UN UMKUM IN BYALOSTOKER GETO

D. Klementinowski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעבן און אומקום אין ביאַליסטאָקער געטאָ

לעבן און אומקום

אין ביאַליסטאָקער געטאָ

פון

ד. קלעמענטינאָווסקי

ניו־יאָרק, 1946

LEBN UN UMKUM IN BIALISTOKER GETO
By D. KLEMENTINOWSKI

Copyright 1946
D. KLEMENTINOWSKI
600 West 218th Street, New York 34, N. Y.

Printed in U. S. A.

158



דעם אָנדענקען פֿון מיין ליבן פֿאָטער

יהושע העשל קלעמענטינאָווסקי

געשטאָרבן 1941 אין עלטער פֿון 88 יאָר אין

ביאַליסטאָקער געטאָ

גרוס צו די לעבעדיקע עדות פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ

פֿרוי רחל פֿאַלק, פּאַלעסטינע

פֿרוי מאַשע קלעמענטינאָווסקי, פּאַלעסטינע

פֿרוי קאָסאָווסקי, פֿראַנקרייך

פֿרל. מוסיע אָפּענבאַך, פּאַריז

ה׳ הערש ליקער, פּאַריז

און דאַנק פֿאַר זייער ווערטפֿולן מאַטעריאַל.

אינהאַלט

I. די ערשטע טעג אונטערן דייטשן יאָך

דער איבערפֿאַל
די שול ברענט
זיי מאַכן אָרדענונג
לעבעדיקערהייט באַגראָבן
די „שבתדיקע״
נייע גזירות

II. אין געטאָ

מ׳קלייבט זיך אַריבער
לעבנסמיטל פֿאַרזאָרגונג
סאָציאַלע און קולטורעלע איינריכטונגען
נייס פֿון דער פּראָווינץ
עוואַקואַציע קיין פּרוזשאַני
זעליקאָוויטש און זיין באַנדע
אַרבעט און צוואַנגס־אַרבעט
אונטערערדישע אַרבעט — גרוסן פֿון אַנדערע געטאָס
ביאַליסטאָק קומט אָפּ מיט שרעק —
די פּראָווינץ גייט אָפּ מיט בלוט
דריי תּליות

III. דער אָנהייב פֿון סוף

ערשטע עוואַקואַציע
ווידערשטאַנד דעם שונא
די „מאַלינעס״
10,000 ביאַליסטאָקער יידן פֿאַרברענט
מוסרים נומ׳ 2

IV. דער געטאָ ווערט ליקווידירט

צווייטע עוואַקואַציע
באַוואָפֿנטער ווידערשטאַנד — קאַמף פֿאַרן יידישן כּבוד
דער קליינער געטאָ

V. נאָך דער ליקווידאַציע

אין קעלער
מיר פֿאַרלאָזן די „מאַלינע"
אין די נעגל פֿון שונא
אין תּפֿיסה און ווייטער...

VI. אויפֿסניי...

געטאָ־לידער

דאָס ליד פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ
רבקהלע די „שבתדיקע"
דער מאַמעס צוואה

פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער

יהושע העשל קלעמענטינאָווסקי
אַ קינדער־גאָרטן אין געטאָ
דער בית־עולם אין געטאָ
דער פּלאַץ וואו די שול איז געשטאַנען

פֿעדערשטריך־צייכענונגען

פֿון ביאַליסטאָקער קינסטלער בען — פּאַריז.

***

ב. מאַרקן האָבן די ביאַליסטאָקער צו פֿאַרדאַנקען דעם ערשטן גרוס וועגן לעבן און טראַגישן אומקום פֿון באַרימטן יידישן יישוב. אין זיין באַשרייבונג „דער אויפֿשטאַנד אין ביאַ-ליסטאָקער געטאָ", פֿאַרצייכנט ער, ווי ער דריקט זיך אויס „די ווערטער פֿון די געציילטע לעבן-געבליבענע, וועלכע האָבן נאָכן פֿאַלן פֿון געטאָ פֿאַרגעזעצט דעם קאַמף אין די שכנישע וועלדער און מאַסיוון." מיר שאַצן זייער אָפּ זיין אַרבעט, וואָס איז גע-שריבן געוואָרן מיט אַזויפֿיל הארץ און געפֿיל, ווי ער וואָלט אַליין געווען אַ ביאַליסטאָקער. נאָכדעם ווי זיין בוך איז שוין דערשינען, האָבן זיך אָנגעהויבן, צום גליק, באַווייזן איינצלנע ביאַליסטאָקער, געראַטעוועט פֿון גיהנום, לעבעדיקע עדות פֿון דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין געטאָ ביזן לעצטן טאָג. אין ביאַליסטאָק גופֿא שווימען אַרויף מאַטעריאַלן, אַפֿילו פֿאָטאָ-גראַפֿישע בילדער, וואָס גיבן פּרטים פֿון די צרות און יסורים, וואָס ביאַליסטאָקער האָבן איבערגעטראָגן. יעדער איינער האָט עפּעס אַנדערש געזען, איבערגעלעבט, ביי יעדן איז געבליבן עפּעס אַנדערש אין זכרון. וואָס מער איינצלהייטן, וואָס מער דאָקומענטאַציעס, וואָס מער עפּיזאָדן מיר פֿאַרשאַפֿן, אַלץ קלאָ-רער, בולטער און פֿולקומער ווערט פֿאַר אונדז דאָס בילד פֿון ביאַליסטאָקער מאַרטירערטום.

איניקע צוריקגעקומענע ביאַליסטאָקער, וואָס האָבן דורכ-געמאַכט די גאַנצע שבעה מדורי גיהנום, האָבן אונדז געגעבן איינצלהייטן פֿון זייערע איבערלעבענישן, אויפֿקלערונגען איבער

פֿאַקטן, וואָס זיינען ביי ב. מאַרק נישט גאַנץ קלאָר, אָדער גאָר־נישט פֿאַרצייכנט. מאַשע קלעמענטינאָווסקי, די פֿרוי פֿון דעם אומגעקומענעם ביאַליסטאָקער כירורג נאָום קלעמענטינאָווסקי, האָט אונדז איבערגעגעבן אַ סך פּערזענלעכע איינצלהייטן. די פֿרוי רחל פֿאַלק־ראָזנבוים האָט אונדז צוגעשיקט אַ גענויע באַ־שרייבונג, באַזונדערס איבער די ערשטע טרויעריקע וואָכן, וואָס ביאַליסטאָק האָט איבערגעלעבט, און אינטערעסאַנטע פּרטים איבערן לעבן אין געטאָ און אין די „מאַלינעס", וואו זי, רחל פֿאַלק, האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין משך פֿון לאַנגע חדשים. פֿרוי קאָסאָווסקי האָט אונדז געגעבן אַ קורצע שילדערונג פֿון די געשעענישן אין אַלגעמיינע שטריכן. אויך מוסיף אָפּענבאַך אַ פּלימעניצע פֿון ד"ר יוכנאָוועצקי און הערש ליקער, זון פֿון ליקער דעם בעקער, האָבן אונדז דערציילט אייניקע עפּיזאָדן און איבערלעבענישן.

אויפֿן סמך פֿון די דאָזיקע דערציילונגען און באַזונדערס אויפֿן סמך פֿון דער באַשרייבונג פֿון רחל פֿאַלק, וועלכע מיר ציטירן אין אייניקע שטעלן ווערטלעך, ווילן מיר געבן אַ דער־גענצנדיק בילד צו דער געשיכטע פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ.

פּאַריז, מערץ 1946


Benn

I

די ערשטע טעג אונטערן דייטשן יאָך

דער איבערפֿאַל

אין דער נאַכט פֿון שבת אויף זונטיק, דעם 22טן יוני 1941, די היסטאָרישע דאַטע פֿון דייטשן איבערפֿאַל אויפֿן ראַטנפֿאַר-באַנד, איז די יידישע באַפֿעלקערונג געשלאָפֿן נאָך אַ רואיקן און טיפֿן שלאָף. פּלוצלינג דערהערט זיך אַ רוישן פֿון עראָפּלאַנען. דער איבערגעשראָקענער, נייגעריקער עולם לויפֿט אַרויס אין די גאַסן צו זען וואָס עס איז געשען. אייניקע מיינען, אַז דאָס זיינען איבונגען פֿון סאָוועטישע פֿליער. אַנדערע באַהויפּטן, אַז דאָס איז שוין אַ דייטשער איבערפֿאַל, דער אָנהייב פֿון אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד. פּלוצלינג הערט מען שוין ווי עס פּלאַצן באָמבעס און עס דוכט זיך, אַז די גאַנצע שטאָט ווערט באָמבאַרדירט. אייניקע באָמבעס פֿאַלן אין דער שטאָט גופֿא. איינע אויף וואיסקאָווע גאַס, וואָס טרעפֿט דעם בנין, וואו עס איז גראָד געווען אַ סאָוועטישע מיליטערישע באַזע. די צווייטע — אין פּיאָטרקאָווער גאַס (אוונעטם געסל), לעבן גרויסן בנין פֿון פֿריערן מושב-זקנים. די דריטע — אין כאַזאַנאָוויטשעס געסל, הינטער ווילבושעוויטשעס אַפּטייק. עס זיינען פֿאַראַן אַ סך קרבנות. צווישן די געהרגעטע געפֿינט זיך דער אַלטער, לאַנגיאָריקער קאַסירער פֿון מאַגיסטראַט זלמן וויינרייך מיט זיין איין-און-איינציקער טאָכטער, דער בעקער גאָלדבערג און פֿיל אַנדערע. דאָס איז פֿאַר דער ביאַליסטאָקער יידישער באַ-

פֿעלקערונג דער ערשטער סיגנאַל, דער אָנזאָג, אַז דער שונא דערנענטערט זיך, אַז אַ ליאַדע מינוט וועט ער דאָ זיין. יעדער איינער שטייט פֿאַר דער פֿראַגע: וואָס זאָל מען איצט טאָן? די רוסן מאַכן אַלע הכנות צו פֿאַרלאָזן וואָס שנעלער די שטאָט. די דייטשן קענען אָט־אָט אַריינקומען. אָבער קיין סך צייט צו טראַכטן איז נישטאָ. ווער עס וויל און קען, לויפֿט מיט די רוסן. עס הייבן זיך אָן אין די גאַסן טראַגישע סצענעס. פֿאַמיליעס, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן געלעבט צוזאַמען, צעשיידן זיך, און אפֿשר שוין אויף אייביק. מוטערס געזעגענען זיך מיט קינדער, ברידער מיט שוועסטער, פֿרויען מיט מענער. קודם־כּל ראַטעווען זיך די יוגנט. ענערגיש, שנעל און אַנטשלאָסן פֿאַר־לאָזן זיי די שטאָט, וואָס איז שוין אַרומגערינגלט פֿון דריי זייטן דורכן שונא, און גייען זייער וועג, דעם וועג קיין מזרח.

פֿינף טעג, ביז פֿרייטיק אינדערפֿרי, איז ביאַליסטאָק אַ קיינעמס־לאַנד, נישטאָ אין שטאָט נישט קיין רוסן און נישט קיין דייטשן. אָבער דער יידישער גורל איז געחתמעט. די יידי־שע צרות הייבן זיך שוין אָן. מ׳הייבט אָן דעמאָלירן און ראַ־בירן די געוועזענע סאָוועטישע פּראָדוקטן־באַזעס. מען זעט טראָגן גאַנצע קאַסטנס מיט פּוטער, צוקער, זייף און אפֿילו שפּילצייג פֿאַר קינדער און ס׳פֿאַרענדיקט זיך מיט באַפֿאַלן יידן. מען האָט שוין מורא אַרויסצוגיין פֿון שטוב און זיך צו באַווייזן אין דרויסן. ס׳איז נישטאָ ווער ס׳זאָל זאָרגן פֿאַר אָרדענונג און עס פֿאַלן שוין קרבנות.

„פֿרייטיק, דעם 27טן יוני, 1941, 6 אַזייגער אינדערפֿרי — גיט איבער רחל פֿאַלק — זע איך דורכן פֿענצטער פֿון מיין צימער אַריינפֿאָרן דריי דייטשן אויף מאָטאָציקלעטן, אָנגעטאָן מיט אייזערנע קאַסקעס. איך הער ווי איינער זאָגט צום צווייטן:

— לאַנגזאַם, אָבער זיכער!

דאָס זיינען געווען די ערשטע דייטשע מרגלים.

מיט שטילע טריט גיי איך אַוועק פֿון פֿענצטער, איך דער־נענטער זיך מיט האַרצקלאַפּעניש צו מיין קינדס וויגעלע און איך בלייב זיצן אין אַ טויטער שטילקייט. איך האָב אַפילו מורא הויך צו אָטעמען.

די גאַסן זיינען ליידיק פֿון מענטשן, לאַדנס און טירן זיינען אומעטום צוגעמאַכט. מען זעט נאָר אין די גאַסן איינציקע פּאָליאַקן מיט צופֿרידענע פּנימער. זיי פֿרייען זיך מיטן אַריינקומען פֿון די באַנדיטן, זיי זיינען מקבל־פּנים די מערדערס מיט בלומען אין די הענט."

די שול ברענט

עס געדויערט גאָר נישט לאַנג און דאָס מאַרטירערטום פֿון די ביאַליסטאָקער יידן הייבט זיך אָן. 9 אַזייגער אינדערפֿרי ברענט שוין די גרויסע שול. פֿונדערווייטנס זעט מען דעם גרויסן פֿייער, מען ווייס אָבער נאָך אַפילו נישט, אַז אויפֿן שול־הויף שפּילט זיך שוין אָפּ אַ שרעקלעכע טראַגעדיע. אַ קריסטין, וואָס קומט פֿון דאָרט, דערציילט פּרטים פֿון די מערדערישע עובדות. זי דערציילט עס מיט טריאומף, מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שמחה, ווי „מען שלאָגט און מען ברענט שוין די זשידעס."

די דייטשן, אַריינקומענדיק דורך מאַזאָוויעצקע גאַס, גע־פֿינענדיק פֿאַרמאַכטע לאַדנס און געשלאָסענע טירן, שלעפּן אַרויס יידן פֿון די הייזער און דערשיסן זיי גלייך אויפֿן אָרט. שפּעטער לאָזט זיך די מערדערישע באַנדע צום שטאָט־זייגער־פּלאַץ, אין צענטער פֿון שטאָט. דאָרט נעמען זיי אַרויס פֿון אַ הויף 27 פּערזאָנען, וועלכע ווערן גלייך דערשאָסן. צווישן די דערשאָסענע איז דער באַקאַנטער ביאַליסטאָקער סוחר פֿון פֿעדערן און פּוך, אַש, מיט זיין 18־יאָריקן זון. ווי ווילדע חיות

וואַרפֿן זיך די דייטשן אויף יידישע הייזער, צינדן זיי אונטער און אַ סך פֿון די, וואָס ווילן זיך ראַטעווען און לויפֿן מיט זייער ביסל בעבעכעס, ווערן געכאַפּט און געוואָרפֿן לעבעדיקערהייט אין די פֿלאַמען פֿון דער ברענענדיקער שול. זיי פֿאַרברענען צוזאַמען מיט די ספֿרי־תּורות, צוזאַמען מיט זייער הייליקייט. די פּאַניק איז אַן אויסערגעוויינלעכע. דער יידישער קוואַרטאַל ברענט. אין איין זייט שטאָט שטייען אין פֿלאַמען דער שול־הויף, די גאַסן לעגיאַנאָווע, סוראַזער, פֿיש־מאַרק און די אַרומי־קע געסלעך, און אין דעם צווייטן טייל שטאָט ברענען יידישע הייזער, אָנהייבנדיק פֿון פּאַלקאָוואַיען בית־מדרש, דאָס געסל נאַדריעטשנע מיט דער אַרומיקער געגנט ביז צו דער גרויסער פּאָטשט. מענטשן, וועלכע ס׳געלינגט צו אַנטלויפֿן, באַהאַלטן זיך אין קעלערן. די דייטשן וואַרפֿן אָבער האַנט־גראַנאַטן אויך אין די קעלערן. יידן לויפֿן ווי משוגעים אַהין און אַהער. מען זוכט שוץ אויך אין די קריסטלעכע גאַסן, וועלכע ווערן אָפּגעהיט פֿון פֿייערלעשער, אַז דער פֿייער זאָל זיך דאָרט נישט אַריבערכאַפּן. די פּאָליאַקן ווילן אָבער די יידן נישט אַריינלאָזן, מאָטיווירנדיק מיט דעם, אַז די דייטשן וועלן פֿאַרברענען אַלץ, וואו זיי וועלן נאָר טרעפֿן יידן. די שטאָט ברענט 24 שעה נאָכאַנאַנד. שבת פֿרי קומט אַ באַפֿעל צו לעשן דעם פֿייער. מען כאַפּט ווידער יידן, מען שלעפּט זיי פֿון די הייזער און מען צווינגט זיי זיי זאָלן העלפֿן לעשן.

„זונטיק, דעם 29טן יוני — דערציילט פֿרוי פֿאַלק — באַ־שלים איך צו גיין זען מיין פֿאַמיליע, וואָס האָט געוואוינט אויף באיארע. די קריסטלעכע שכנים, וואו איך וואוין, ראַטן מיך אָפּ צו גיין, ווייל דער וועג פֿאַר יידן, זאָגן זיי, איז זייער געפֿערלעך. נישט קוקנדיק אויף זייער וואָרנונג, טו איך זיך אָן ווי אַ קריס־טין און לאָז זיך אין וועג אַריין. איך גיי דורך די חורבות פֿון סוראַזער גאַס. אַלץ איז אָפּגעברענט. דאָ און דאָרט טליִעט נאָך

דאָס פֿייער. די גרויסע שול איז אַ באַרג מיט אַש. אַרום און אַרום איז שווער צו דערקענען וואו עס איז געשטאַנען אַ הויז. איך דערקען קוים דאָס בוך-געשעפֿט פֿון שייקע קאַטשוקאָוויטש, וואו איך האָב אָפֿט אַלס שילערין געקויפֿט שול-ביכער. מען זעט נאָך וואַלגערן זיך איינִיקע ביכער מיט פֿאַרשרפֿעטע בלע־טער. שטייענדיק אויף סוראַזער גאַס, זע איך פֿונווייטנס דעם פֿיש-מאַרק. אַלץ, וואָס איז געווען צווישן, איז פֿאַרשוואונדן. איך גיי ווייטער דורך גומיענער, פֿאַבריטשנע, סענקעוויטשע און איך קום אויף באַיאַרע. אין די אַלע גאַסן איז אַ טויטע שטילקייט. מען זעט נאָר פֿאַרמאַכטע און פֿאַרקלאַפּטע טירן און לאָדנס. מענטשן האָבן מורא זיך צו באַווייזן אין די גאַסן. עס גייען שוין אַרום דייטשן כאַפּן אויף אַרבעט. אין גאַס בין איך איין-איינציק יידיש קינד און זע זיך צו פֿאַרמישן צווישן די פּאָליאַקן, וואָס גייען אין קאָשציאָל. גייענדיק ווייטער, טרעף איך זיך פּלוצים פּנים אל פּנים מיט דייטשע בעסטיעס. דאָס האַרץ קלאַפּט מיר פֿאַר שרעק. צום גליק דערקענען זיי מיך נישט. איך קום-צו אויף באַיאַרע, וואו מיין פֿאַמיליע וואוינט. דאָרט איז נאָך אַלץ רואיק. זיי וויסן נאָך גאָרנישט פֿון דער שרעקלעכער טראַגעדיע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין יידישן קוואַרטאַל. איך דערצייל זיי די פּרטים פֿון דעם, וואָס איז פֿאָר־געקומען, און נאָך אַ קורצער ווײַלע לאָז איך זיך צוריק אין וועג. אַ קריסטין גייט פֿאַרביי מיר און לאָזט פֿאַלן אַ באַמער־קונג: „זע, אַ זשידאָווקע האָט זיך איבערגעטאָן, כּדי די דייטשן זאָלן זי נישט באַמערקן.“ עס נעמט מיך אַרום אַ ציטער. אָבער אין דעם מאָמענט וואַקסט-אויס אַזוי ווי דורך אַ נס אַ צווייטע קריסטין, וואָס הערט עס. זי זידלט-אָפּ דער מסורטע, נעמט מיך אין איר שוץ און באַגלייט מיך אַ שטיקל וועגס, כּדי עס זאָל מיר גאָרנישט געשען. איך קום בשלום צוריק אין מיין הויז, וואו מען דערוואַרט מיך שוין מיט גרויס שרעק און אומגעדולד.“

די געשעענישן לויפֿן שנעל ווייטער. אין שטאָט איז שוין דאָ אַ דייטשע פֿאַרוואַלטונג, אין שפּיץ פֿון וועלכער עס האָט זיך געשטעלט דער לאַנגיאָריקער דירעקטאָר פֿון דער שטאָטי־שער עלעקטרישער סטאַנציע וואָלדעק ריגערט, אַ ברודער פֿון דעם ריגערט, וואָס איז אַנטלאָפֿן מיט די דייטשן בעת די רוסן האָבן אין 1939 פֿאַרנומען ביאַליסטאָק. ריגערט לאָזט רופֿן צו זיך דעם ראַבינער דר. ראָזענמאַן און פֿאַרלאַנגט מען זאָל זען גלייך שאַפֿן אַ „יודנראַט״. ער זאָגט־צו צו זאָרגן דערפֿאַר, אַז ביאַליסטאָק זאָל נישט געשען קיין שלעכטס. די יידישע באַ־פֿעלקערונג באַרואיקט זיך שוין אַביסל, הערנדיק די דאָזיקע נייעס. עס ווערט געשאַפֿן אַ „יודנראַט״, אין דער שפּיץ דער ראַבינער דר. ראָזענמאַן און אינזשיניער כּאַראַש אַלס פּרעזעס. באַראַש איז געווען דער דירעקטאָר פֿון דער יידישער קהילה פֿאַר דער מלחמה. דער יידן־ראַט באַשטייט פֿון 24 פּערזאָן, דערונטער דער לאַנגיאָריקער כּלל־טוער שמואל פּוניאַנסקי, דער פֿאַבריקאַנט פֿינקעל, סובאַטניק, יעקב גאָלדבערג, פֿרוי דר. סעגאַל, רובינשטיין, משה שוויף, אינזש. ליפּשיץ, לימען פֿון רוזשענאָי און אַנד.

יידן הייבן־אָן צו גיין צו דער אַרבעט. אַזוי אַרום וויל מען זיך ביסלעכווייז פֿאַרזאָרגן מיט לעבנסמיטל, וואָס הייבט־אָן צו ווערן קנאַפּ אין שטאָט. ביאַליסטאָק איז נישט געווען צוגעגרייט מיט גענוג פּראָדוקטן, ווייל קיינער האָט זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ פּלוצלינגען אָנפֿאַל מצד די דייטשן. דער, וואָס גייט אַר־בעטן, ברענגט ברויט, באַקומט זופּ און מען שטילט דעם הונגער.

מ׳הייבט זיך אָן צו דוכטן, אַז דאָס לעבן גייט אַריין אין אַ נאָרמאַלער קאָלייע און מ׳הייבט־אָן צו גלויבן, אַז מען וועט אפֿשר ביי אַזעלכע באַדינגונגען אַדורכלעבן דאָס שטיקל שווערע

צייט ביז וואַנען עס וועט קומען די גאולה. אָבער די אילוזיע געדויערט נישט לאַנג.

לעבעדיקערהייט באַגראָבן.

דאָנערשטיק, דעם 10טן יולי, קומט פֿאָר די ערשטע גרעסערע אָבלאַווע. מ׳כאַפּט הונדערטער יידישע מענער און מ׳מאַכט אַן אָפּקלייב נאָך די הענט נאָך — ארבעטער-הענט איז דאָסמאָל אַ סגולה, לאָזט מען פֿריי — אַלע איבעריקע ווערן אָפּגעפֿירט קיין פּעטראשע, אויפֿן וועג קיין וואָשליקאָווע, נישט ווייט פֿון ביאַליסטאָק, וואו זיי זיינען לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן אין גריבער, וואָס זיינען שוין געווען, ווי קריסטן דערציילן, פֿאַרטיק אויסגעגראָבן. צווישן זיי האָט זיך געפֿונען דער באַקאַנטער סוחר פֿון פֿאַרטיקע זאַכן גאָטליב, וואָס זיינע דאָקומענטן האָט מען נאָכדעם געפֿונען ביי וואָשליקאָווע און די לערערס פֿון די ביאַליסטאָקער יידישע גימנאַזיעס.

די „שבתדיקע"

נאָך אַ פּויזע פֿון צוויי טעג, דעם 12טן יולי 1941, שבת אינדערפֿרי — איז ווי אַ שטורעם דורכגעלאָפֿן דאָס געשריי, אַז די דייטשן האָבן אָפּגעשלאָסן די גאַסן זאַמענאָף, קופּעצקע, ליפּאָווע, סוראַזער, סענקעוויטשע און די פּיאַסקעס. מען לאָזט קיינעם נישט אַדורך. די מענער, וואָס גייען גאַנץ פֿרי צו דער אַרבעט, נאָך נישט וויסנדיק פֿון גאָרנישט, פֿאַלן אַריין די ערשטע אין זייערע הענט און ווערן אַוועקגענומען. שפּעטער הייבן-אָן די דייטשן צו גיין פֿון שטוב צו שטוב און אַרויסנעמען די מענער. עטלעכע דערשיסט מען גלייך אויפֿן אָרט. די פּאַניק איז אומבאַשרייבלעך. מען פּרוּווט ווידער זיך צו באַהאַלטן אין קריסטלעכע הייזער, אָבער די פּאָליאַקן לאָזן, ווי געוויינלעך,

נישט אריין. עס הערן זיך געשרייען, געוויינען פון פרויען, קינדער, ביי וועלכע מען האט שוין צוגענומען די מענער און די פאטערס. שוועסטער באקלאגן שוין זייערע ברידער, עס שפילן זיך אפ אין די גאסן הארצרייסנדיקע בילדער, דריי שעה האט געדויערט די אבלאווע. אין משך פון דער צייט האבן די דייטשן צונויפגענומען 4,000 יידישע מענער. עס זיינען געווען די קרבנות, וואס מען האט אין ביאליסטאק א נאמען געגעבן די „שבתדיקע".

גלייך ווי מען האט ווידער געעפנט די גאסן, לויפט מען צום בנין פון יידן־ראט, וואס געפינט זיך אויף גומיענער גאס. די גאס איז שווארץ פון מענטשן. מען וויינט און מען בעט רחמים צו זען ראטעווען די מענער. די דייטשן דערקלערן דעם יידן־ראט, אז די מענער האבן זיי צוגענומען אלס ערובניקעס, און אויב מען וועט ברענגען א קאנטריבוציע פון געלט, גאלד, זילבער, פוטערס און פארשיידענע חפצים, וועט מען די מענער אפלאזן. דער יידן־ראט לאזט גלייך ארויס א מעלדונג וועגן דעם צו דער יידישער באפעלקערונג, און פון אלע עקן שטאט הייבט מען אן צו טראגן געלט און שווה־כסף. אין משך פון אייניקע שעהן ווערט אויפגעזאמלט די פארלאנגטע קאנטריבוציע. אנגעלאדן אויף וועגענער ווערט יידיש פארמעגן איבערגעגעבן דער דייטשער מאכט און מען ווארט מיט אומגעדולד אויף די באפרייטע מענער. עס גייט אריבער די נאכט און דער גאנצער צווייטער טאג, אבער די מענער קומען נישט צוריק. די אלע מענער, די „שבתדיקע" קרבנות, האט מען פארזאמלט אויפן ספארט־פלאץ אין זוויערזיניעץ, ביים וואלד. די מענטשן, וואס האבן געוואוינט אין יענער געגנט, האבן נאכדעם דערציילט, אז ביינאכט האט מען געהערט שרעקלעכע געוואלדן. עס זיינען אריבער טעג און נעכט און די מענער זיינען נישט צוריקגעקומען. מען האט זיי מער קיינמאל נישט געזען.

לויט ידיעות, וואָס שטאַמען פֿון די, וואָס זיינען געווען אין אושוויץ, איז איינער פֿון די „שבתדיקע״, ער זאָל הייסן גרינ־שפּאַן, געווען אין לאַגער. ער זאָל האָבן איבערגעגעבן, אַז אַ וואָך פֿון 270 פּאָסטנס האָט געטריבן די „שבתדיקע״ אַרעס־טירטע פֿון ביאַליסטאָק צופֿוס ביז די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. דער גרעסטער טייל פֿון זיי איז דערשאָסן געוואָרן, אָדער גע־פֿאַלן אין וועג. די ידיעה האָט זיך ביז איצט נישט געלאָזן באַשטעטיקן.

צווישן די שבתדיקע קרבנות איז געווען דער דאָקטער באָרים פּינעס, דער זון פֿון דעם וועלט־באַרימטן אָקוליסט פּינעס

דער דר. נחמן פּרילוצקי, דער ברודער פֿון נח פּרילוצקי, איז נאָכדעם געווען אין מאַידאַנעק.

פֿון דר. קאַפּערמאַן איז דאָ אַ ידיעה, אַז ער לעבט מיט זיין טאָכטער אין ראַטנפֿאַרבאַנד. אים זאָל האָבן געראַטעוועט אונ־טערוועגס אַ דייטש, זיינער אַ געוועזענער פּאַציענט, וואָס האָט אים געהאָלפֿן אַנטלויפֿן.

אַזעלכע אָבלאַוועס ווי די „דאָנערשטיקע״ און די „שבת־דיקע״ האָבן זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל מיט די זעלביקע מעטאָדן. די קרבנות זיינען פֿאַרשוואונדן געוואָרן און מ׳האָט נישט געוואוסט וואו זייער געביין איז אַהינגעקומען. מ׳האָט קיינמאָל פֿון זיי און וועגן זיי נישט געהאַט קיין ידיעות.

אַ באַזונדער אַקציע האָבן די דייטשן איינמאָל דורכגעפֿירט אויף דער אינטעליגענץ. זיי זיינען געקומען מיט אַן אויטאָ און אַרויסגענומען פֿון די הייזער די אַדוואָקאַטן גלינקאַ, גדאַנסקי, וויינציִער, טילעמאַן און אַנדערע. בּאַראַש האָט גע־פּרואווט אינטערווענירן. דאָסמאָל איז זיין אינטערווענץ געווען אומזיסט. מען האָט זיי קיינמאָל מער נישט געזען און קיינמאָל פֿון זיי מער נישט געהערט.

נייע גזירות

עטלעכע וואָכן נאָך דער אינוואַזיע, דעם 11טן יולי 1941, בעת די לעצטע אָבלאַוועס, קומט אַרויס די גזירה וועגן אָנטאָן די געלע לאַטע. אַ געלן מגן-דוד פּאַרנט אויפן לינקן ברוסט און איינעם הינטן, אויף דער רעכטער זייט פון פּלייצע. צום ערשטן מאָל דערפּילט מען אַ מאָראַלישע פּייניקונג. מען שעמט זיך פאַר זיך אַליין. אָבער מען געוואוינט זיך אויך דערצו. מען באַווייזט זיך נאָך נישט אומצוקוקן — עס קומט שוין אַ פּרישער אומגליק. דאַסמאָל איז עס דער געטאָ. אָט-די ידיעה וועגן אַ געטאָ ווערט אויפגענומען מיט אַ ציטער, מיט שרעק. אַלע יידן פון ביאַליסטאָק וועלן מוזן לעבן איזאָלירט אין אַ באַשטימטן תחום, אַריינגעקוועטשט ווערן אין אַן ענגן קוואַרטאַל, ייאו זיי וועלן זיין אָפּגעצוימט און פאַרשפּאַרט. קיינער האָט זיך נישט געקאָנט פּאָרשטעלן, אַז אין אַזאַ קורצער צייט וועט אַרויסקומען די גזירה פון אַ געטאָ. אַ סך האָב נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלויבן, אָבער צום באַדויערן האָט זיך עס באַלד אַרויסגעוויזן פאַר אַ טרויעריקן אמת.

Benn

II

אין געטאָ

מ׳קלייבט זיך אַריבער

עטלעכע וואָכן נאָכן פֿאַרנעמען ביאַליסטאָק דורך די דייטשן, וואָכן פֿון פֿיזישער פֿאַרניכטונג און מאָראַלישער פּיין, וואָכן, ווען די ביאַליסטאָקער יידישע באַפֿעלקערונג האָט שוין געהאַט טויזנטער קרבנות, איז אַנטשטאַנען דער געטאָ ; אָט־די שטייג, אָט־די ד׳ אמות, וואָס די דייטשע בעסטיע האָט אָפּ־געגעבן פֿאַר יידן און דערלויבט זיי דאָרט צו באַוועגן זיך פֿראַנק און פֿריי. די יידן האָבן די געטאָ־גזירה אויפֿגענומען מיט אַ געמישטן געפֿיל. פֿון איין זייט האָט זיך דער עולם גע־שראָקן פֿאַר דער איזאָלירטקייט, פֿאַר דער אָפּגעשלאָסנקייט, מען האָט געפֿילט, אַז דאָס איז פּשוט אַ געפֿענגעניש, מען האָט אויך מורא געהאַט, אַז עס וועט דאָרט אויסקומען צו שטאַרבן פֿון הונגער. פֿון דער צווייטער זייט האָט זיך ביי אַ טייל פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אויסגעדריקט אַ געוויסע צופֿרידנ־קייט, עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס וועט מאַכן אַ סוף צו דעם הפֿקר, די אַרומיקע ניט־יידישע באַפֿעלקערונג וועט נישט האָבן אַזאַ שליטה מער אויף זיי, ס׳וועלן אפֿשר אויפֿהערן די גנבות און די גזילות, וואָס איז שוין געוואָרן אַזוי נאַטירלעך אין די לעצטע וואָכן. מען האָט אַפֿילו געהאַפֿט, אַז דאָס כאַפּן פֿון די הייזער און די הריגות וועלן זיך איינטאַמעווען. אַנדערע, שטאַרקע אָפּטימיסטן, האָבן געזען אין דעם אַ גליק, אַ רעטונג

פֿון אומקום, די גאולה ממש. בפֿרט נאָך, ווען מען האָט געזען און געהערט וואָס עס טוט זיך אַרום ביאַליסטאָק, אין סלאָנים, לאָמזשע און אין די קליינע שטעטלעך ווי קרינקי, זאַבלודאָווע, טיקטין, גיינאָווקע, נאַרעווקע, וואו יידיש בלוט האָט זיך גע־גאָסן ווי וואַסער, וואו יידן זיינען באַגראָבן געוואָרן לעבעדי־קערהייט און וואו יידישע יישובים זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן פֿון דער אויבערפֿלאַך. דאָס געפֿיל, אַז מען וועט איצטער לעבן צוזאַמען, אַפֿילו אין דער ענגשאַפֿט, אָבער צוגעטוליעט איינער צום אַנדערן, האָט ביי פֿיל געשאַפֿן אילוזיעס פֿון דערלייכטע־רונג, פֿון גרינגער אַריבערטראָגן די צרות. דער באַגריף פֿון „צרות רבים חצי נחמה" האָט אָנגעהויבן צו ווערן נאָך בולטער און מען האָט געזען אין דעם אַ געוויסן טרייסט.

נאָר וואָס פֿאַרן באַציאונג די יידישע באַפֿעלקערונג האָט נישט געהאַט צו דעם געטאָ, האָט די גזירה, אויף וועלכער מען האָט זיך נישט אַזוי שנעל געריכט, אויפֿגערודערט און אַריינ־געטראָגן אין יידישן לעבן אַ גרויסע נערוועזיטעט. מען האָט געפּרואווט מאַכן השערות און כאַפּן ידיעות וועגן דעם, וועלכע גאַסן עס וועט אַרומנעמען דער געטאָ, אָבער דער יידן־ראַט האָט נישט געגעבן קיין שום אינפֿאָרמאַציע, ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידן אַ פּאַניק פֿון די מענטשן, וואָס דאַרפֿן פֿון אויסערן געטאָ פֿאַרכאַפּן דירות אין געטאָ. אָבער אַזוי ווי קיין סודות זיינען נישטאָ און מען האָט זיך סוף־כל־סוף דערוואוסט וועלכע גאַסן ס'זיינען באַשטימט פֿאַרן געטאָ, איז די פּאַניק געוואָרן אומפֿאַרמיידלעך. גליקלעכע זיינען געווען די, וואָס האָבן פֿון פֿריִער שוין געלעבט אין דעם „געבענטשטן" קוואַר־טאַל, דעם שפּעטערדיקן געטאָ. און יעדער, ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ באַקאַנטן, אָדער אַ קרוב דאָרטן, האָט זיך באַמיט צו פֿאַרכאַפּן אַ צימער, כדי זיך צו זיכערן אַ פּלאַץ וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. דערוויסנדיק זיך פֿון דעם, אַז אין געטאָ־

קוואַרטאַל גייען אַריין אויך עטלעכע קליינע „פּוילישע" געס־לעך, דאָס הייסט געסלעך, וואָס זיינען באַוואוינט פון קריסטן און וועלכע האָבן געדאַרפט ווערן עוואַקואירט פון זיי לויט דער דייטשישער פאַראָרדענונג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג פון די דאָזיקע קריסטן וועגן טוישן מיט די וואוינונגען. מען האָט אָנגעהויבן אָפּשרייבן זיך מיט די פּאָליאַקן, מען האָט גע־וואָלט דערמיט פאַרזיכערן זיך אויף נאָך דער מלחמה. מען האָט אויך געצאָלט גרויסע געלט־סומעס פאַר דירות אין געטאָ. אַנ־דערע ווידער האָבן זיך מיט געוואָלט אַריינגעריסן. ס'האָט זיך אייגנטלעך געבילדעט אַ קוואַרטיר־אַמט, אָנגעפירט דורך ה' טאַט, דעם איידעם פון אַפּטייקער פעקער פון זאַמענהאָף גאַס, וואָס האָט געדאַרפט שפּעטער איינשטעלן אָרדענונג, אָבער דער יידן־ראַט האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן.

לכתחילה האָבן די דייטשן געוואָלט אָפּגעבן פאַרן געטאָ דעם אָפּגעברענטן יידישן קוואַרטאַל פּיאַסקעס, כאַנאַיקעס און די אַלע אַרומיקע געסלעך, וואָס האָבן געליטן פון דער שריפה, נאָר נאָך דער אינטערווענץ פון יידן־ראַט און נאָכדעם ווי מען האָט באַצאָלט אַ געהעריקע קאָנטריבוציע מיט געלד, גאָלד און שווה־כסף, האָבן זיי אָפּגעגעבן דעם קוואַרטאַל, וואָס האָט אַרומגענומען די גאַסן פּאָלנע, טשעסטאַכאָווסקע, קופּיעצקע, ליפּאָווע, טשעפּלע, יוראַוויעצקע, פאַבריטשנע, ביאַלאָסטאָ־טשאַנסקע, ניי־וועלט, און די אַלע אַרומיקע געסלעך.

אויף איבערצוקלייבן זיך אין געטאָ האָט מען באַקומען אַ טערמין פון 3 טעג. די ערשטע טעג האָט מען אַפילו נישט געהאַט מיט וואָס זיך איבערצוציִען. זעט מען פּרוּוון מיט קינ־דער פירן זייערע בעבעכעס אויף וועגעלעך. אַ סך טראָגן זייערע זאַכן אויף די פּלייצעס. שפּעטער, ווען די פּאָליאַקן האָבן זיך אַרומגעזען, אַז דאָס שמעקט מיט אַ חיונה־קוואַל, האָבן אָנגע־

הויבן צו קומען אין שטאָט דאָרפֿישע פֿורן. קיין געלט ווילן זיי נישט פֿאַר דעם, זיי לאָזן זיך באַצאָלן מיט מעבל, קליידער און אַנדערע חפֿצים, און אַזוי ווי קיין פּלאַץ פֿאַר די פֿון יאָרן איינגעפֿונדעוועטע מעבל איז דאָך אין געטאָ נישטאָ, האָט מען געגעבן וואָס מען האָט פֿאַרלאַנגט. מיט דעם איבערציִען זיך האָבן זיך פֿאַרנומען כּמעט ווי נאָר פֿרויען, ווייל די מענער פֿלעגט מען כאַפּן אויף אַרבעט.

די דריי טעג איז אין ביאַליסטאָק אַן אמתע פֿעלקער-וואַנ־דערונג, דורך די גאַסן, וואָס מען דאַרף דורכגיין, קאָן מען זיך נישט אַדורכשטופּן. זיי זיינען שוואַרץ פֿון מענטשן. פֿינצטערע עלעמענטן נוצן אויס די לאַגע, מען באַפֿאַלט יידן אין די גאַסן, מען שלאָגט, מען ראַבירט, און סאַדיסטישע דייטשן שטייען און קוקן-צו און פֿאָטאָגראַפֿירן די האַרצרייסנדע סצענעס. די ביל־דער שיקן זיי אַוועק נאָכדעם צו זייערע פֿרויען און פֿריינט אין דייטשלאַנד, כּדי זיי זאָלן הנאה האָבן און זען, ווי פּינקטלעך ס׳ווערט אויסגעפֿירט דער באַפֿעל פֿון פֿירער. אויפֿן דריטן טאָג, פֿרייטיק דעם 1טן אויגוסט, 12 אַזייגער, האָט געדאַרפֿט ווערן אָפּגעשלאָסן דער געטאָ. די יידן מוזן אַליין שטעלן די פּאַרקאַ־נעס און זיך פֿאַרשאַפֿן דעם נויטיקן מאַטעריאַל. די יידן נעמען זיך פֿיבערהאַפֿט צו דער אַרבעט. איינער זעגט ברעטער, אַ צווייטער גראָבט גריבער פֿאַר די סלופּעס, אַנדערע שטעלן זיי אויף און אַזויאַרום ווערט קאָלעקטיוו און שנעל אויסגעפֿירט די אַרבעט. די יידן האָבן אויסגעבויט זייער אייגענע תּפֿיסה. עס זיינען געמאַכט געוואָרן דריי טויערן. דער הויפּט-טויער איז גע־ווען אויף יוראַוויעצקע, עק סענקעוויטשע. דער צווייטער — קופּיעצקע, עק מאַרק-פּלאַץ, און דער דריטער טויער — אויף טשיסטע. פֿון אינעווייניק זיינען די טויערן באַוואַכט געוואָרן דורך יידישע פּאָליציי, פֿונדרויסן זיינען געשטאַנען דייטשע פּאַטרולן.

די ערשטע שעהן נאָכדעם ווי מען האָט אוועקגעשטעלט דעם פּאַרקאַן, און דער געטאָ איז פון יענער זייט געוואָרן אָפּ־געשלאָסן, זיינען געווען מוראדיקע. מען האָט זיך דערפילט אַזוי דערשלאָגן, אַזוי דערנידעריקט, מען האָט זיך געשעמט צו ווייזן דעם פּנים איינער פאַר דעם אַנדערן, אַזוי ווי מען וואָלט זיך געטראָפן אין דער תּפיסה יעדער איינער פאַר אַ שווער פאַר־ברעכן, וואָס מ׳האָט באַגאַנגען. קינדער האָבן געוויינט, פרויען האָבן באַקומען ספּאַזמעס. אָבער ווי נאָך אַלע צרות, האָט מען זיך אויך דאָ באַרואיקט און מען האָט נישט נאָר שלום געמאַכט מיטן גורל, נאָר ביי יעדן אין הארצן האָט אָנגעהויבן צו שפּראָצן פונקען פון האָפענונג און ביטחון, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן, באַלד וועט קומען די דייטשע מפּלה, און מען האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט דאָס בילד פון דער גאולה, ווען מען וועט צעשמעטערן דעם היסטאָרישן פּאַרקאַן און מען וועט אויסגע־לייזט ווערן פון דער תּפיסה.

לעבנסמיטל־פאַרזאָרגונג

מיט דער האָפענונג, אַז די שעה פון באַפרייאונג וועט קומען, האָט מען זיך אָנגעהויבן איינצואָרדענען דאָס לעבן אין ענגשאַפט און אין יסורים. עסן האָט מען זיך צוגעגרייט אויף אַ פּאָר וואָכן — שפּעטער וועט גאָט זאָרגן. פויערים, זיך דער־ווּיסנדיק אַז יידן קלייבן זיך אַריבער אין געטאָ און זיי צאָלן מיט חפצים, קומען אין שטאָט און ברענגען פאַרשיידענע פּראָ־דוקטן, פאַר וועלכע מען גיט אַוועק דאָס לעצטע.

דעם ערשטן שבת אין געטאָ הייבן־אָן באַקאַנטע גיין איינער צום צווייטן — מען האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז מען גייט מנחם־אבל זיין. די ערשטע וואָכן זיצן מענטשן אין זייערע הייזער רואיק. די כאַפּעניש אויף יידן האָט אויפגעהערט און צום עסן איז נאָך דערווייל דאָ. אָבער זעענדיק, אַז די לאַגע

ענדערט זיך נישט און די ישועה איז נאָך ווייט, הייבט מען אָן צו קלערן וועגן פרנסה, וועגן געשעפֿטן אין געטאָ און וועגן ארויסגיין צו דער אַרבעט אויסערן געטאָ.

עס ווערט געשאַפֿן אַן אַרבעטס־אַמט אונטער דער פֿירונג פֿון ה׳ פּאָליאַנסקי. דער אַרבעטס־אַמט באַמיט זיך צו באַקומען פֿאַר די מענטשן באַשייניקונגען. יעדער האָט זיך געסטאַרעט צו גיין אַרבעטן אין די דייטשע פֿאַבריקן, ווייל צוליב דעם באַקומט מען אַ בעסערע, אַ חשובערע באַשייניקונג. יעדן טאָג פֿלעגן זיך עפֿענען נייע פֿאַבריקן, וואָס פֿלעגן ארבעטן פֿאַר דער „ווערמאַכט״. מען פֿלעגט אַרבעטן טאָג און נאַכט און די ביאַליסטאָקער יידן האָבן געמיינט, אַז אַ דאַנק דער אַרבעט, אַ דאַנק דער ביאַליסטאָקער פּראָדוקציע וועט ווערן געראַטעוועט דער ביאַליסטאָקער קיבוץ. צו דער אַרבעט פֿלעגט מען מוזן אַדורכגיין איינע פֿון די דריי טויערן, ביי וועלכע ס׳זיינען געשטאַנען קאָנטראָל־בודקעס, וואו זיי פֿלעגן יעדן טאָג ביים אריין און אַרויסגיין ווערן קאָנטראָלירט דורך די דייטשן. פֿלעגט די קאָנטראָלע זיין אַ גוטע, האָט מען געקאָנט אריינברענגען עסנוואַרג און אַנדערע זאַכן פֿון דרויסן, אייער, פּוטער, מילך. דאָס פֿלעגט מען רופֿן „פּגרים״. אָט־די „פּגרים״ פֿלעגט מען פֿאַרקויפֿן אין געטאָ און מען פֿלעגט ציִען חיונה דערפֿון. איז די קאָנטראָלע געווען אַ שלעכטע און מען פֿלעגט געפֿינען, פֿלעגט מען נישט נאָר צונעמען די פּראָדוקטן, נאָר מ׳פֿלעגט נאָך דערצו הרגענען, שלאָגן, און אָפֿטמאָל אויך אויפֿן אָרט דערשיסן.

סאָציאַלע און קולטורעלע איינריכטונגען

קיין הונגער איז אין ביאַליסטאָקער געטאָ נישט געווען. איינער האָט אַרויסגעהאָלפֿן דעם צווייטן. אַ וויכטיקע ראָלע אין דעם פֿאַרזאָרגן פֿון לעבנסמיטל פֿאַרן יידישן געטאָ האָבן

געשפּילט די פּורמאַנעס. זיי האָבן געשאַפן אין געטאָ אַ ברייגאַדע, וועלכע פּלעגט אַרויספאָרן יעדן טאָג אויסערן געטאָ און אין זייערע וועגענער האָבן זיי געהאַט ספּעציעלע פאַרבאַהעלטענישן, אין וועלכע זיי פּלעגן אַריינפירן לעבנסמיטל. דער יידןראַט האָט איינגעאָרדנט אַ ביליקע קיך, וועלכע פּלעגט אַרויסגעבן ביי אַ 4 טויזנט מיטאָגן טעגלעך. זי פּלעגט אויך געבן זופּן און אָוונט-ברויטן פאַר די קינדער, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע טאַטעס.

דער יידן-ראַט האָט אויסגענוצט עטלעכע פּרייע פּלעצער, וואָס זיינען געווען אין געטאָ פאַר גערטנעריי. די אַרבעטן אין די גערטנערייען זיינען געוואָרן אָנגעפירט פון גערטנער סוכאָמלינסקי. פאַרוואַלטעט האָט מיט זיי אינזש. כמיעלניק פון „אָרט”. דאָס גרינס איז צום טייל פאַרנוצט געוואָרן פאַר דער קיך און צום טייל — פאַר דער איבעריקער באַפעלקערונג. איינער פון די פרייע פּלעצער, נישט ווייט פון טשיסטע געסל, האָט מען געמאַכט פאַר אַ בית-עולם. דער בית-עולם איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג געדיכטער, ווייל די שטערבלעכקייט אין געטאָ איז געווען אַ גרויסע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער סאַניטאַרער צושטאַנד איז געווען אַ דורכאויס באַפרידיקנדיקער. די באַפעלקערונג גופא האָט אָפּגעהיט די סאַניטאַרע פאַראָרדענונגען און האָט געזאָרגט, אויף ווי ווייט זי האָט געקענט, פאַר ריינקייט אין געטאָ. אין געטאָ זיינען געווען 3 אַפּטייקן, אויף ניי-וועלט, קופּיעצקע און רוזשאַנסקע, אין לינת-הצדק. אין דעם בנין פון לינת-הצדק זיינען אויך געווען איינגעאָרדנט פאַרשיידענע מעדיצינישע קאַבינעטן, וואָס פּלעגן געבן גיכע מעדיצינישע הילף פאַר דער באַפעלקערונג, אויך אַ רענטגען-קאַבינעט. עס איז אויך געווען אַ גוט-איינגעאָרדנטער שפּיטאָל אויף פאַבריטשנע, אין הויז פון אַמאָליקן 'טאָז”. דער געטאָ האָט נאָך צו יענער צייט פאַרמאָגט גוטע דאָקטוירים, דר. נאָום קלעמענטי-

נאָווסקי, דר. פּרילוצקי, דר. לוקאַטשעווסקי, דר. שאַצקי, דר. סאַוושיץ, דר. גאַוווזע, דר, לאַנדסבערג, דר, קראַמאַזש, דר. קאַפּלאַן, דר. ציטראָן און דר. טרייוואַוש. אויסער דר. ציטראָן און דר. טרייוואַוש, זיינען אַלע דערמאָנטע דאָקטוירים שפּעטער אומגעקומען. דער אויגן־דאָקטער פּינעס און דער קינדער־דאָקטער דוד קאַגאַן זיינען צוגענומען געוואָרן נאָך ביי די ערשטע אַבלאַוועס.

אין געטאָ איז אויך געווען אַ יתומים־הויז, אַ מושב־זקנים און אויך אַ שולע, וואָס זיינען אַלע געפירט געוואָרן זאָרג־פעלטיק.

די אינזשעניערן און טוער פון „אָרט” כמיעלניק און שמי־געלסקי האָבן אויך אין געטאָ פאָרגעזעצט, אויף ווי ווייט זיי האָבן געקענט, די פּראָפעסיאָנעלע אויסבילדונג פון דער יוגנט. די אַלטע אינסטיטוציעס, די האַנטווערקער־שולע און די „אָרט”־קורסן האָבן געמוזט אויפהערן צו עקזיסטירן, אָבער אונטערן שילד פון יידן־ראַט, האָבן זיי איינגעאָרדנט און אָנ־געפירט מיט שלאָסער־ און עלעקטראָ־טעכנישע קורסן ביי די פאַבריקן, וואָס האָבן געאַרבעט. די דאָזיקע אַרבעט האָבן זיי געפירט ביז צו דעם לעצטן טאָג, ביז זיי און זייערע שילער האָבן ביי דער ליקווידירונג פון געטאָ געמוזט עוואַקוּאירן ביאַ־ליסטאָק און זיינען טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן, וואו זיי זיינען אומגעקומען.

פונקט ווי אין וואַרשעווער און ווילנער געטאָס, אַזוי האָט אויך אין ביאַליסטאָקער געטאָ די „אָרט”־אידעאָלאָגיע און די „אָרט”־אַרבעט געלעבט ביזן לעצטן אָטעם־צוג פון געטאָ. קענען אַ מלאכה, זיין אַ גוטער אַרבעטער אָדער גאָר אַ קוואַליפיציר־טער אין זיין פאַך האָט נישט זעלטן געהאָלפן יידישע יונגע מענטשן צו ראַטעווען זייער לעבן פון אַ משונהדיקן טויט, אָדער ווייניקסטנס צו פאַרלענגערן די לעבנסדויער און דערמיט באַ־

קומען אַ מעגלעכקייט צו איבערלעבן דעם שונא. פֿאַר־קורסן אין וואַרשטאַטן זיינען אויך דאָ געווען זעלבסטשוץ מיטל, פֿאַר־טיידיקונגס און ווידערשטאַנד־פּאָליטיק.

אַ קולטורעלע אַרבעט אין אַ גרעסערן פֿאַרנעם האָט מען אין געטאָ נישט געקאָנט דורכפֿירן. די פֿאַרזאַמלונגען פֿון דער חלוציסטישער, סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער יוגנט זיינען געווען אונטערערדיש און האָבן געטראָגן דעם כאַראַק־טער פֿון ווידערשטאַנד דעם שונא. דאָרט איז צוגעגרייט גע־וואָרן דער אויפֿשטאַנד, דאָרט זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן די פֿאַרבינדונגען צווישן די ווידערשטאַנדס־גרופּעס אין די געטאָס פֿון ווילנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע, און דאָרט איז דערצויגן און אויסגעבילדעט געוואָרן דער יידישער פּאַרטיזאַן. קולטור־אַרבעט איז אָבער געמאַכט געוואָרן דורך יחידים. איינצלנע פּערזאָנען האָבן אינדערשטיל, יעדער פֿאַר זיך, אונטערערדיש, אין זיין ענג שטיבל, יעדער אויף זיין אופֿן געוועבט און געשפּונען יידישע געשיכטע, געשריבן בלעטלעך צו דער טרויעריקער געשיכטע פֿון דער קעגנוואַרט, פֿאַרצייכנט די טאָג־טעגלעכע בלוטיקע געשעענישן. דער אַלטער רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן, דער אַלטער היסטאָריקער הערשבערג, דער אַלטער געזעל־שאַפֿטלעכער טוער, דער גרינדער פֿון לינת־הצדק, אַ וועטעראַן פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין ביאַליסטאָק און איינער פֿון די עלטסטע ציוניסטן אין דער וועלט, יהושע העשל קלע־מענטינאַווסקי, האָבן פֿאַרצייכנט זייערע איבערלעבענישן, זע־ענדיק און איבערלעבנדיק וואָס עס ווערט מיט דער קהילה, מיט דער סביבה, וואו זיי האָבן אָפּגעלעבט זייער שווערן, פּראָדוק־טיוו־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. און אַחוץ זיי — דער יינגערער דור ליטעראַטן, שאַצקי, זאַבלודאָווסקי, בורשטיין, גאַרדאָן, א. אַנד. האָבן אין פּאָעזיע און אין פּראָזע געשילדערט דעם לאַנגזאַמען אונטערגאַנג פֿון ביאַליסטאָקער יישוב.

די אַלטע משׂכּילים זיינען אין גערעאָ געשטאָרבן, מיט זייי זיינען פאַרשוואונדן אויך זייערע כּתב־ידן. דער יינגערער דור איז שפּעטער אומגעקומען און אויך פון זיינע אַרבעטן איז כּמעט ווי גאָרנישט געבליבן.

אויף צו האַלטן אָרדענונג, איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישע פּאָליציי. לכתחילה איז די באַציאונג צו דער פּאָליציי נישט געווען קיין גאַנץ פּאָזיטיווע און יונגע בחורים איילן זיך נישט אַזוי צו גיין אַלס פּאָליציאַנטן, אָבער ווען אין דער שפּיץ פון דער פּאָליציי, אָדער מיליץ, שטעלט זיך דער באַקאַנטער פּאַב־ריקאַנט, דער לאַנגיעריקער קאָמענדאַנט פון די פּייערלעשער, מאַרקוס, הייבט מען אָן צו באַקומען מער פּאַרטרויען צו דער דאָזיקער איינריכטונג און הייבן זיך אָן מעלדן אין דער יידישער פּאָליציי אַ סך פון דער ביאַליסטאָקער אינטעליגענץ. מאַרקוס ווערט דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי, פון אַלע דריי רעוירן. דער 1־טער רעוויר געפינט זיך אין בנין פון יידן־ראַט אויף גומעיענער גאַס, דער 2־טער — אויף יוראַוויעצקע 21, און דער דריטער — אויף רוזשאַנסקע גאַס. אַלס הילפס־קאָמענדאַנטן ווערן באַשטימט מוישקע בערמאַן, דער זון פון דיריגענט פון כאָר־שול בערמאַן, און וויקטאָר בובריק.

ניים פון דער פּראָווינץ

אָט אַזוי האָבן די יידן אין געטאָ איינגעשטעלט אַ מער אָדער ווייניקער נאָרמאַלן לעבן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו פילן זיכערער און געוואָרט פול מיט פּאַרטרויען אויף קומענ־דיקע בעסערע צייטן. טרויעריקע ידיעות פלעגן נאָר קומען פון אַרום און אַרום. עטלעכע יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין ביאַליסטאָקער פּראָווינץ פון די דייטשע שחיטות און ס׳איז גע־לונגען אַריינצוקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ, האָבן איבער־געגעבן שוידערלעכע פאַקטן איבער די געשעענישן אין סלאָנים,

אין לאָמזשע, טיקטין און אַנדערע אַרומיקע שטעטלעך. אַ סך ביאַליסטאָקער משפחות האָבן געהאַט קרובים אין די דאָזיקע שטעט און שטעטלעך. דאָס זענען געווען פֿון די ביאַליסטאָקער גבירים און אינטעליגענץ, וואָס האָבן פֿאַרלאָזט ביאַליסטאָק בעת דער סאָוועטישער אָקופּאַציע, האָבן זיך באַזעצט אין דער אומגעגנט און האָבן זיך נישט מער באַוויזן אומצוקערן קיין ביאַליסטאָק. אָט אַזוי האָט מען זיך דערוואוסט, אַז אין סלאָנים איז אומגעקומען דער ביאַליסטאָקער לעדער-פֿאַבריקאַנט מאַריין מיט זיין פֿאַמיליע; אין טיקטין דער אינדוסטריעלער איידלמאַן און דער פֿאַרב-סוחר וויינבערג, וואָס האָט געהאַט זיין געשעפֿט אַנטקעגן שטאָט-זייגער. די דאָזיקע ידיעות האָבן אריינגעבראַכט אַ טיפֿן טרויער אין דעם כּלומרשט באַרואיקטן לעבן פֿון געטאָ.

עוואַקואַציע קיין פּרוזשאַני

נישט לאַנג האָבן די ביאַליסטאָקער יידן זוכה געווען צו געניסן פֿון דער רואיקייט. אָנהייב סעפּטעמבער 1941 האָט זיך פֿאַרשפּרייט די שרעקלעכע ידיעה, אַז עס מוז פֿאָרקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ אַ געוויסע „עוואַקואַציע". די דייטשן מיינען, אַז דער ביאַליסטאָקער געטאָ, וואָס האָט אַ בעפֿעלקערונג פֿון אומגעפֿער 60 טויזנט מענטשן, איז צו-ענג און מען מוז אַ טייל — מען רעדט פֿון 13 טויזנט נפֿשות — פֿון דאָרט אַרויסשיקן קיין פּרוזשאַנע. דער פּרעזעס פֿון יידן-ראַט, באַראַש, באַמיט זיך ביי דער דייטשער מאַכט מיט גרויסע סומעס געלט, מיט נייע קאָנטריבוציעס אָפּצוהאַלטן די גזירה. דאָס איינציקע, וואָס אים געלינגט, איז פֿאַרקלענערן די צאָל פֿון די וואָס דאַרפֿן ווערן עוואַקואירט אויף 10 טויזנט נפֿשות. דערביי פֿאַרזיכערן די דייטשן, אַז דאָס גיין קיין פּרוזשאַנע געשעעט פּשוט צוליב דעם, וואָס דאָרט איז געוואָרן אַ סך ליידיק פּלאַץ, ווייל מען

האָט פֿון דאָרט אַרויסגעשיקט די באַפֿעלקערונג. דער יידן־ראַט מוז אַליין אויפֿשטעלן די ליסטעס פֿון די מענטשן, וועלכע דאַרפֿן אָפּטראַנספּאָרטירט ווערן. הויפּטזעכלעך זיינען אַריינגעפֿאַלן אין דעם טראַנספּאָרט מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַר־בעט־באַשייניגונגען. מען הייבט־אָן צו צאָלן פֿאַר אַזעלכע באַ־שייניקונגען גרויסע סומעס געלט, מען קריגט זיי אויך דורך גרוים פּראָטעקציע. קיין פּרושאַנע זיינען אַרויסגעשיקט גע־וואָרן אַ טייל פֿון דער אָרעמער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט נישט געהאַט קיין געלט און נישט קיין פּראָטעקציעס, און אלמנות, וואָס די דייטשן האָבן שוין פֿריִער געהאַט צוגענומען זייערע מענער. די עוואַקואַציע קיין פּרושאַנע האָט געדויערט אומגע־פֿער פֿון צוויי ביז דריי וואָכן. טראַנספּאָרטירט זיינען זיי גע־וואָרן אויף דייטשע לאַסט־אויטאָס. מיטצונעמען זאַכן איז גע־ווען דערלויבט, אָבער ביים אַרויפֿגיין אין לאַסט־אויטאָ, פֿלעגט מען קאָנטראָלירן, און אַלץ וואָס איז די דייטשן געפֿעלן געוואָרן און זיי האָבן געוואָלט פֿאַר זיך, האָבן זיי צוגענומען. די הוצאות פֿאַרן טראַנספּאָרט, וואָס האָט אויסגעמאַכט אַ היפּשע סומע געלט, האָט געמוזט צאָלן דער יידן־ראַט.

צען טויזנט ביאַליסטאָקער יידן האָבן אויף אַזאַ אופֿן גע־מאַכט דעם ערשטן שריט צו דער פֿאַרניכטונג. אַ קליינעם טייל פֿון זיי איז געלונגען צו אַנטלויפֿן און זיך אַריינכאַפּן צוריק אין ביאַליסטאָקער געטאָ. די איבעריקע זיינען פֿון פּרושאַנע טראַנספּאָרטירט געוואָרן אין די פֿאַרניכטונגס־לאַגערן. דעם 28טן יאַנואַר 1943 האָבן זיך אָנגעהויבן די דאָזיקע טראַנס־פּאָרטן. יעדן טאָג האָט מען פֿאַרשיקט 2,500 נפֿשות קיין אוישוויץ. דעם מהלך פֿון 800 קילאָמעטער צווישן פּרושאַנע און אוישוויץ האָבן די יידן דורכגעמאַכט אין פֿראַנצויזישע פֿראַכט־וואַגאָנעס פֿאַר 8 פֿערד אָדער 40 מאַן, צו 120 ביז 150 מענטשן אין אַ וואַגאָן. די רייזע האָט געדויערט צוויי טעג.

ביים אָנקומען קיין אוישוויץ האָט מען פֿון יעדן וואַגאָן אַרויס־גענומען 10 ביז 20 טויטע. פֿון די לעבן־געבליבענע זיינען אום־געפֿער 20 פּראָצענט יונגע, געזונטע, אַרבעט־פֿייאיקע אַריינגע־פֿירט געוואָרן אין אַרבעט־לאַגער. אַלע איבעריקע זיינען גלייך אָפּגעשיקט געוואָרן אין בירקענאַו אין די קרעמאַטאָריעס.

ווען אין ביאַליסטאָק איז אָנגעקומען די ערשטע ידיעה פֿון פּרוזשאַנע, אַז די יידן זיינען דאָרט טאַקע אָנגעקומען, און אַז מען לעבט דאָרט, זאָל זיין אין שווערע באַדינגונגען, אָבער אַבי מען לעבט, האָט זיך דער געטאָ ווידער אָנגעהויבן צו באַרויקן. מען האָט ווידער געאַרבעט און געלעבט מיט דעם מיין, אַז וואָס אינטענסיווער ביאַליסטאָק וועט אַרבעטן, אַלץ לענגער וועט זיך האַלטן דער געטאָ.

זעליקאָוויטש און זיין באַנדע

דער יידן־ראַט פֿילט־אויס זיינע פֿונקציעס אפֿשר נישט שטענדיק אַזוי גוט ווי ער וואָלט געקענט, אָבער ער באַמיט זיך צו האַלטן אָרדענונג, אָפּצושרייען גזירות און פֿאַרלייכטערן דעם גורל פֿון די יידן אין געטאָ. די אַרבעט פֿון יידן־ראַט איז אָבער אַ געוויסע צייט שאַנטאַזשירט געוואָרן דורך דעם מסור און אָפּעריסט גרישאַ זעליקאָוויטש, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין דער יידישער פּאָליציי און האָט איבערגענומען די געפֿערלעכע אויפֿגאַבע פֿון פֿאַרהאַנדלען מיט דער געסטאַפּאָ. זעליקאָוויטש האָט געהאַט צו זיך נאָך פֿינף משרתים אין דער יידישער פּאָ־ליציי. צווישן זיי איז געווען איינער אַ ביעלסקער מיטן נאָמען גורלאַנד. און אָט פֿאַר דער באַנדע מוסרים האָט דער געטאָ געציטערט. זעליקאָוויטש אַליין האָט געהאַט דאָס רעכט אַרומ־צוגיין אין און אויסערן געטאָ אָן דער געלער לאַטע און איז געווען באַשאָנקען פֿון דער געסטאַפּאָ מיט פֿאַרשיידענע אַנ־דערע פּריווילעגיעס. אַן אוואַנטוריסט שוין פֿון פֿריִערדיקע יאָרן,

האָט ער אויך דאָ אויסגענוצט זיין באַזונדערע מאַכט אין די באַציאונגען מיט דער געסטאַפּאָ. ער האָט אויסגענוצט די טרוי־עריקע סיטואַציע אויף אָנפּילן זיין פּערזענלעכן בייטל, זיך פאַרזאָרגן מיט יידיש גוטס אויף שפּעטער. דערוויסנדיק זיך, אַז דער אָדער יענער אין געטאָ מאַכט געשעפטן, — און דאָס איז געווען פאַרבאָטן — פּלעגט ער, אָדער זיינע משרתים, קומען פאָדערן גרעסערע געלט־סומעס, און ווער עס פּלעגט אים אָפּזאָגן, פּלעגט ווערן אַרויסגעפירט פון געטאָ און איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ. ביי אַנדערע פּלעגט ער אויספּרעסן געלט און צירונג אונטער דער דראָאונג, אַז אויב מען וועט נישט באַפרידיקן זיין פאַרלאַנג, וועט ער זיי איבערגעבן אַלס אַקטיווע קאָמוניסטן דער דייטשער מאַכט. מען האָט זיך אויך נאָכדעם דערוואוסט, אַז די אידייע פון דער עוואַקואַציע קיין פּרוזשאַנע איז געווען זיינס אַ שטיקל אַרבעט.

אַ לענגערע צייט האָט עס באַראַש נישט נאָר גלייכגילטיק צוגעקוקט, נאָר אויך מצד דעם יידן־ראַט זייער אָפט געגעבן זעליקאָוויטשן די געפאָדערטע קופּאָנעם סחורה, גאָלד און צירונג, מיינענדיק, אַז מיט דעם וועט מען עפּעס אָפּשרייען ביי דער געסטאַפּאָ. אָבער צום סוף, ווען ער האָט געזען אַז די חוצפּה פון זעליקאָוויטשן גייט וואָס ווייטער און ווייטער און זיינע אַפּעטיטן ווערן גרעסער, האָט באַראַש געזוכט אַ פּאַסיקן מאָמענט אויף צו דעמאַסקירן זעליקאָוויטשן, און האָט אים געפונען. אין איין טאָג האָבן די יידן פון געטאָ מיט צופרידנקייט געזען ווי מען פירט זעליקאָוויטשן אַריין אין געטאָ, די הענט אינדערהייך, אַ צעשלאָגענעם, און מען וואַרפט אים אַריין אין קעלער פון בנין, וואו ס'איז געווען דער יידן־ראַט. די דייטשן, מאַכנדיק אַ רעוויזיע ביי אים אין שטוב, האָבן געפונען פוטערס, קופּאָנעם פון סחורות. אין די פאַרמויערטע ווענט האָט מען אַנטדעקט זעק מיט גאָלד, בריליאַנטן און וואַלוטע און דערביי נאָך —

פּאַפּירן, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פֿאַר זיך און זיין פֿאַמיליע אַוועקצופֿאָרן אין דער שווייץ. די געסטאַפּאָ, זעענדיק, אַז זעליקאָוויטש האָט אויך זיי באַשווינדלט, האָט גלייך אַרעסטירט זיין פֿרוי. פֿיר וואָכן שפּעטער ווערט ער און די פֿרוי דערשאָסן. אָט אַזאַ סוף האָט געהאַט דער ערשטער פֿאַררעטער פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ.

אַרבעט און צוואַנגס־אַרבעט

נאָכדעם ווי מ'האָט זיך באַפֿרייט פֿון דער באַנדע פֿון דער ערשטער סעריע מוסרים, טרעט אַריין ווידער אַ געוויסע רואיקייט אין ביאַליסטאָקער געטאָ, מען אַרבעט און מען לעבט ווייטער. ביאַליסטאָק האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט איר אינדוסטריע און מיט איר אַרבעט, און דעם גוטן נאָמען האָט אויך באַהאַלטן דער ביאַליסטאָקער געטאָ. די פֿאַבריקאַציע האָט זיך אַנטוויקלט פֿון טאָג צו טאָג. אין איין פֿאַבריק האָט מען אויסגעאַרבעט וואַילאָקעס און וואַטואווקעס. אין אַ צווייטער פֿאַבריק האָט מען גענייט מונדירן פֿאַרן דייטשן מיליטער. ס'איז געווען אויך אַ מוסטער־פֿאַבריק מיט 2,000 אַרבעטער, אַ רימעריי, אַ פֿאַבריק פֿון באַנדאַזשן, אַ גאַרבעריי און אַ שטריקעריי, וואָס האָט אויסגעאַרבעט הענטשקעס און סוועטערס. די פֿאַבריקן האָבן געאַרבעט אין 3 שיכטן. פֿאַר דער אַרבעט פֿלעגט מען באַקומען לעבנסמיטל, אָבער אַ באַזונדערן ווערט האָבן געהאַט די באַשייניקונגען, וואָס די אַרבעטער פֿלעגן אַרויסקריגן. זיי האָבן געהאַט אַ לעבנס־ווערט. זיי זיינען געווען דענצמאָל לכל הפּחות אַ פֿאַרזיכערונג־פּאָליסי קעגן טויט.

דאָס אַרבעטן, פּראָדוצירן אין געטאָ איז אויסגעדריקט און פֿאַראייביקט געוואָרן אין איניקע לידער, וואָס זיינען אין געטאָ געשאַפֿן און געזונגען געוואָרן.

זייער אָפּט פּלעגט קומען אַ קאָמיסיע פון דייטשן צו זען די אַרבעט אין די פאַבריקן. ווען די קאָמיסיע פלעגט דאַרפן קומען, פלעגט די יידישע פאָליציי אויף פאַראָרדנונג פון יידן־ראַט אָפּשליסן די גאַסן, קיינעם נישט אַדורכלאָזן, כּדי עס זאָל נישט אויפפאַלן די גרויסע צאָל יידן אין געטאָ. מיט דער קאָמיסיע פלעגט שטענדיק מיטגיין בּאַראַש, אָנווייזנדיק זיי וואָס פאַראַ גרויסע וויכטיקע אַרבעט עס ווערט אָפּגעטאָן אין ביאַליסטאָקער געטאָ. די דייטשן פלעגן אַוועקגיין צופרידן און בּאַראַש פלעגט נאָך אַזאַ באַזוך געווינען נייעם ביטחון, אַז דער געטאָ וועט זיי איבערלעבן.

ניט קוקנדיק אויף די באַשייניקונגען, לעבנסמיטל און אַנדערע פּריווילעגיעס, האָבן דאָך אַ סך יידן אויסגעמיטן צו גיין אַרבעטן פאַר די דייטשן אויסער דעם געטאָ. פלעגן די דייטשן אויף דעם רעאַגירן מיט צוואַנגס־אַרבעט. פאַרמעגלעכע יידן פלעגן זיך פון דעם אַרויסדרייען דורך „מלאכים", דאָס הייסט מענטשן, וואָס פלעגן גיין פאַר זיי אַרבעטן און קריגן דערפאַר גוט באַצאָלט.

איינמאָל האָבן די דייטשן פאַרלאַנגט 200 פרויען אויף אַרבעט קיין וואָלקאָוויסק. אויף דער אויפפאָדערונג פון אַרבעטס־אַמט, האָט זיך קיינער נישט געמעלדעט פריייוויליק. זיינען פאָרגעקומען אין די נעכט אָבלאַוועס. מען האָט אויסגעקליבן 200 פרויען, באַזונדערס יונגע מיידלעך, און אַוועקגעשיקט זיי קיין וואָלקאָוויסק. דאָס האָט געמאַכט אויפן געטאָ אַ געוואַלטיקן רושם. מ'איז געווען זייער אומרואיק וועגן גורל פון די פאַרשיקטע פרויען, בפרט ווען ס'זיינען דערגאַנגען קלאַנגען, אַז וואָלקאָוויסק ווערט ליקווידירט.

אָבער דאָסמאָל האָבן די דייטשן געוואָלט ווייזן, אַז זיי זיינען „פיינע" מענטשן; זיי האָבן געוואָלט ווייזן, אַז זיי האַלטן וואָרט, כּדי די יידן זאָלן באַקומען צוטרוי צו די אַרבעט־טראַנס־

פאַרטן און זיך ניט קעגנשטעלן ביי די שפּעטערדיקע עוואַקואַציעס און טויטן-מאַרשן.

נאָכדעם ווי די 200 פֿרויען האָבן אָפּגעאַרבעט אַ חודש אין וואָלקאָוויסק, זיינען זיי צוריקגעקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

אונטערערדישע אַרבעט — גרופּן פֿון אַנדערע געטאָס

זייענדיק פֿאַרטיפֿט אין דער אַרבעט, איזאָלירט פֿון דער אַרומיקער וועלט, וואַרטנדיק אויף דער שעה פֿון באַפֿרייאונג, וואָס מוז קומען, הייבט-אָן דער געטאָ פֿון צייט צו צייט אויפֿצוכאַפּן ידיעות, טרויעריקע גרופּן פֿון די געטאָס אין וואַרשע, ווילנע און גראָדנע. אונטערערדישע שטאַפֿעטן, ביאַליסטאָקער, ווילנער און וואַרשעווער מיידלעך, אויסערלעך אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם יידישן פּרצוף, פֿאַרזאָרגט מיט דאָקומענטן פֿון עכטע, ריין-ראַסיקע אַריער, הייבן-אָן צו דערטראָגן דעם אמת וואָס עס טוט זיך אַרום ביאַליסטאָק. די פּאַרטיזאַנקעס חיה גראָסמאַן, ליאָניא קאָזשיבראָדזקא און אַנדערע, אין ענגסטער פֿאַרבינדונג מיט פּוילעשע און ווייסרוסישע פּאַרטיזאַנקעס, ברענגען ידיעות וועגן די געשעענישן אין וואַרשע און ווילנע. אויך איינצלנע אַנטלאָפֿענע, וועלכע ס'געלינגט אַדורכצורייסן זיך קיין ביאַליסטאָק, באַשטעטיקן די דאָזיקע גרופּן. די ביאַליסטאָקער יידן דערוויסן זיך, אַז די מענטשן, וועלכע ווערן כּלומרשט גענומען צו אַרבעט, ווערן אויפֿגעלאָדן אין פֿאַרמאַכטע פּלאָמבירטע וואַגאָנעס און אַוועקגעפֿירט אין אַ לאַגער, וואָס הייסט טרעבלינקע, און וואו מענטשן ווערן מאַסנוויין אומגעבראַכט. אַנדערע דערציילן שוין אַפֿילו פּרטים וועגן דער דאָזיקער טרעבלינקע, וואָס זאָל זיך געפֿינען צווישן מאַלקין און וואַרשע. די אומרואיקייט ווערט אין געטאָ אַלעמאָל גרעסער און גרעסער. ס'הייבן-אָן צו פֿאַרשווינדן געוויסע אילוזיעס. מען הייבט-אָן צו פֿילן די נאָענטקייט פֿון אַ גרויסער קאַטאַ-

סטראָפּע. עס הייבן־אָן ארומצוגיין משונהדיקע קלאַנגען, מ׳רעדט אַז מען וועט אַוועקנעמען אַלע קינדער. אַנדערע זאָגן ווידער, אַז די גרעסטע געפֿאַר שוועבט איבער זקנים און איבער מענטשן, וואָס זיינען נישט פֿעאיק מער צו אַרבעטן. דער יידן־ראַט באַמיט זיך צו באַרואיקן דעם עולם, וואָס וויל וויסן דעם אמת. באַראַש שטיצט זיך, ווי תּמיד, אויף דער סברא, וואָס ביאַליסטאָק אַרבעט. ביאַליסטאָק האָט גרויסע פֿאַבריקן און ברענגט נוצן. אָבער נישט קוקנדיק אויף די באַרואיקונגס־פּילן פֿון דעם יידן־ראַט, פֿילט זיך אין דער לופֿט אַ נאָענטער שטורעם.

ביאַליסטאָק קומט־אָפּ מיט שרעק — די פּראָווינץ גייט־אָפּ מיט בלוט

אין דער נאַכט פֿון 1טן נאָוועמבער 1942 איז פּלוצלינג דער געטאָ געוואָרן אַרומגערינגלט פֿון די דייטשן, די טויערן פֿון געטאָ זיינען געוואָרן אָפּגעשלאָסן; אַפֿילו די אַרבעטער, וואָס האָבן אינדערפֿרי געדאַרפֿט אַרויסגיין צו דער אַרבעט, האָבן געמוזט בלייבן אין געטאָ. די עוואַקואַציע האָט זיך געדאַרפֿט אָנהייבן יעדע מינוט. מען האָט שוין געוואוסט וואָס דאָס הייסט עוואַקואַציע! יעדער האָט שוין געהאַט אין זיין פֿאָרשטעלונג דעם גיהנום טרעבלינקע, וועגן וועלכן מ׳האָט שוין אַזוי פֿיל געהערט. מען באַלאַגערט ווידער דאָס הויז פֿון יידן־ראַט. באַראַש פֿאָרט אַרויס אינמיטן דער נאַכט צו די בעסטיעס, מיט וועלכע ער פֿירט לאַנגע פֿאַרהאַנדלונגען. עס געלינגט אים סוף־כּל־סוף אָפּצולייגן די גזירה אויף 3 מאָנאַט. 3 חדשים לענגער לעבן, ווידעראַמאָל אַ שטראַל פֿון האָפֿענונג און ביטחון, אַז מען וועט אפֿשר דערציִען צו דער מינוט פֿון אויסלייזונג. די נייעס פֿון רוסישן פֿראָנט, וואָס דרינגען אַריין אין געטאָ, זיינען גוטע. ביי סטאַלינגראַד פֿילט זיך די נאָענטע דייטשע מפּלה. די 3

מאַנאַטן קאָנען אפשר ברענגען די ענדגילטיקע ישועה. די שמחה איז אָבער שטענדיק געווען אויסגעמישט מיט טרויער. בארא̈ש האָט מיטגעטיילט, אַז ביאַליסטאָקער געטאָ איז דאָס-מאָל אָפּגעקומען מיטן שרעק, אָבער די עוואַקואַציע פון דער פּראָווינץ איז אים נישט געלונגען אָפּצושרייען און אַז די דע-פּאָרטאַציעס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אין משך פון דער נאַכט.

חושך איז געווען אין די דאָזיקע יידישע שטעטלעך אין דער דאָזיקער נאַכט. אַרום די יידישע הייזער וואַקסן-אויס פּלוצ-לינג ווי טויטן-וואָגנס, קריסטלעכע פורן. יידן מוזן אַרויס פון די בעטן, זיך שנעל אָנטאָן און מיט האַק און פּאַק אַריין אין די פורן, וואָס ברענגען זיי אין באַשטימטע זאַמל-פּונקטן. איינער אַזאַ זאַמל-פּונקט איז געווען די קאַזאַרמע פון 10טן אולאַנער פּאָלק אין ביאַליסטאָק. האָראָדאָקער, זאַבלודאָווער, סאָקאָלקער, וואַשליקאָווער און קרינקער יידן און יידענעס ווערן דאָרט אָפּ-געלאָדן. די ערשטע עטלעכע טעג זיינען טעג פון שרעק און אומקום. די קינדער גייען-אויס אויף זייערע מאַמעס הענט פון הונגער און דורשט. יונגע פרויען געבוירן קינדער, וועלכע זיי לאָזן גלייך שטאַרבן, כּדי זיי זאָלן בעסער נישט דערלעבן צו דערשפּירן די גרויזאַמקייט פון זייער גורל. ערשט נאָכדעם ווי דער טויט האָט שוין געפאָדערט זיין צאָל קרבנות, איז געלונגען דעם יידן-ראַט צו באַקומען די דערלויבעניש צו ברענגען הילף די פאַרזאַמלטע און אפילו צו ראַטעווען אייניקע פּערזאָנען, וואָס האָבן דאָס גליק צו זיין יידן-ראַטניקעס, אָדער אַנדערע מיוחסים. בארא̈ש האָט שוין געהאַט אין דער האַנט אַ בעשטע-טיקטע ליסטע פון די פּערזאָנען, וואָס די דייטשן האָבן צוגע-זאָגט צו באַפרייען, אָבער די אויסוואורפן האָבן דאַסמאָל אויך אים אָפּגענאַרט. נאָך צוויי גרויזאַמע וואָכן אין די קאַזאַרמעס פון 10טן פּאָלק, זיינען אַלע, אָן אויסנאַם, אינמיטן דער נאַכט אַרויפגעפּאַקט געוואָרן אין וואַגאָנעס און אָפּגעפירט געוואָרן

קיין טרעבלינקע. ווען בּאַראַש איז געקומען מיט דער ליסטע אין דער האַנט, האָט ער געפֿונען נאָר אַ הייפֿל טויטע קליינע קינדער, פֿאַרלאָזענע, פֿאַרגעסענע און אַ ביסל פֿאַרבליבענע בעבעכעס.

ביאַליסטאָק האָט געטרויערט נאָך די קרבנות פֿון די יידישע יישובים אין דער שכנישער פּראָווינץ און נישט אַזוי שנעל גע־קאָנט פֿאַרגעסן דעם שרעקלעכן גורל פֿון די „עוואַקואירטע”. אָבער נישט לאַנג האָט ביאַליסטאָק בּאַדאַרפֿט וואַרטן אויף אַ נייער פּראָוואָקאַציע פֿון שונא, וואָס האָט אַרומגענומען דעם געטאָ מיט אַ פֿרישן טרויער.

דריי תּליות

אין דער גרויסער אייל־פֿאַבריק, וואָס האָט פֿאַר דער מלחמה געהערט צו דער פֿירמע „ביאַלאָל” און וואו עס האָבן איצט געאַרבעט אויך יידן, האָבן די דייטשן צו־ביסלעכוויז געגנבעט און ווען די גנבות זיינען אַרויסגעשוואומען האָבן זיי די גנבים, כּדי ריינצוואַשן זייער שולד, בּאַשולדיקט די יידן אין סאַ־באָטאַזש. איינמאָל נאָך דער אַרבעט האָבן זיי דורכגעפֿירט אַ שטרענגע קאָנטראָלע ביי די יידישע אַרבעטער. ביי איינעם האָט מען געפֿונען אַ ביסל יאָנדרעס, דער קלאָרסטער בּאַווייז, אַז יידן גנבענען און סאַבאָטירן די דייטשע פּראָדוקציע. פֿאַר דעם האָט מען פֿאַרמשפּט 3 יידן צום הענגען. איינער פֿון די געהאַנגענע איז געווען דער בּאַקאַנטער טבֿואה־הענדלער זלמן בּאַשניק. אויף גומיענער גאַס, ביים יידן־ראַט, האָט מען אויפֿ־געשטעלט די תּליות. די 3 יידן האָט מען אויפֿגעהאַנגען אין געגנוואַרט פֿון דער גאַנצער יידישער בּאַפֿעלקערונג. די יידישע פּאָליציי, וועלכער מען האָט געוואָלט צווינגען אויסצופֿירן דעם טויט־אורטייל, האָט זיך לחלוטין אָפּגעזאָגט עס צו טאָן.

די יידן זיינען ווייטער געגאַנגען צו דער אַרבעט. מען האָט פּראָדוצירט אין געטאָ און אויסערן געטאָ. בינו לבינו האָבן זיך די 3 מאָנאַטן, וואָס די דייטשן האָבן דערלויבט די יידן נאָך צו לעבן, דערנענטערט צום סוף, און דעם 3טן פּעברואַר 1943, אין דער נאַכט פון דער ענדגילטיקער מפּלה פון די דייטשן ביי סטאַלינגראַד, וואָס האָט געבראַכט אַן איבערברוך אויפן פראָנט, האָט זיך פּאַקטיש געענדיקט דער לעבנס-טערמין פון איבער צען טויזנט ביאַליסטאָקער יידן.



III

דער אָנהייב פֿון סוף

ערשטע עוואַקואַציע

דער יידן־ראַט האָט ווייטער פֿאַרהאַנדלט מיט די דייטשן, האָט זיי אָנגעוויזן אויף דעם, אַז דער געטאָ האָט גראָד אַריינ־באַקומען גרויסע באַשטעלונגען און אַז אַן עוואַקואַציע וועט שאַפֿן אַ מאַנגל אין אַרבעטס־הענט און שטערן די פּראָדוקציע. בּאַראַשן איז אַפֿילו געלונגען אָראָפּצוברענגען אַ קאָמיסיע אין געטאָ, וועלכע האָט באַטראַכט די פֿאַבריקן און איז אַוועקגע־פֿאָרן זייער צופֿרידן פֿון דער שקלאַפֿן־אַרבעט, וואָס יידן לייסטן. אָבער די פֿאַרברעכער ראָזענבערג און הימלער האָבן זיך גע־פֿירט זייער פּאָליטיק און געפֿאָדערט זייערע קרבנות. פֿון בערלין און קעניגסבערג זיינען געקומען דירעקטע באַפֿעלן — די שטאָט ביאַליסטאָק, וואָס איז שוין איינגעגלידערט געוואָרן אין מזרח־פּרייסן און איז פֿאַררעכנט פֿאַר אַן עכט־דייטשער שטאָט, מוז ווערן יידן־ריין. קיין זאַך האָט נישט געהאָלפֿן. ביאַליסטאָקער געסטאַפּאָ האָט פֿאַרלאַנגט פֿון יידט־ראַט ליסטעס. און אין דער נאַכט פֿון דאָנערשטיק אויף פֿרייטיק, 4 אַזייגער פֿאַרטאָג, הייבט זיך אָן די ערשטע גרויסע עוואַקואַציע פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ. די פּאַניק איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. 10 ביז 15 טויזנט יידן האָט דער יידן־ראַט באַדאַרפֿט צושטעלן די דייטשן, און דאָסמאָל האָט מען געוואוסט, אַז דער וועג פֿירט נישט מער אין קיין אַרבעטס־לאַגערן, ווי די מערדערס האָבן אויך איצט

געפּרואווט איינרעדן, נאָר ער פּירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, דירעקט צו די קרעמאַטאָריעס.

ווידערשטאַנד דעם שונא

גענוואָרנט דורך די ספּעציעלע שלוחים פֿון דער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג, געוואָרנט פֿון אייניקע, וואָס האָבן זיך אַרויס־געריסן פֿון וואַרשעווער און פֿון ווילנער געטאָס, האָבן דאַסמאָל די ביאַליסטאָקער יידן באַשלאָסן נישט צו גיין ווי בהמות, נאָר אויף ווי ווייט מען קען, זיך אויסבאַהאַלטן אין שוין פֿריִער־צוגעגרייטע פּלעצער, קעלערן און אַזוי־גערופֿענע „מאַלינעס", און ביי דער ערשטער געלעגנהייט אויך שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא. דער ווידערשטאַנד איז נאָך נישט געווען צוגעגרייט, מען איז נאָך געווען אין סטאַדיע פֿון אָרגאַניזירן, אָבער יחידים, איינצלנע, מוטיקע, וואָס האָבן שוין געזען פֿאַר זיך דעם טויט, אָבער אָן פּחד אין די גלידער, האָבן זיך אָפּגערעכנט מיטן שונא און האָבן מיט דעם דעוויז: תּמות נפֿשי עם פּלישתּים, זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט די בלויזע הענט, אָדער מיט פּרימיטיוון געווער אַנטקעגן דער ביז ציין־באַוואָפֿנטער בעסטיע. דאַסמאָל האָט דער יידן־ראַט, וואָס האָט זיך ביז איצט פֿאַרהעלטניש־מעסיק דרייסט פֿאַרהאַלטן, פֿאַרלאָרן זיין גלייכגעוויכט. ווייסנ־דיק גאַנץ גענוי דעם צוועק פֿון דער עוואַקואַציע, האָט באַראַש און זיינע העלפֿערס אויפֿגעשטעלט און אַרויסגעגעבן די דייטשן די ליסטע פֿון די קרבנות, די טויטן־ליסטע, און דערמיט באַ־פֿלעקט זיינע הענט, צוליבנדיק זיין חתימה צו דער פֿיזישער אויסראָטונג פֿון 13 טויזנט יידן, פֿאַרזיכערנדיק נאָר די יידן־ראַטניקעס און זייערע משפּחות און אַ געוויסע צאָל פֿון פּריווילעגירטע. מיט דער בלוט־ליסטע אין דער האַנט פֿאָרט באַראַש אַרויס צוזאַמען מיט די פֿאַרברעכער אויף גומיענער גאַס און הייבט־אָן די פּאָגראָם־אַקציע. 8 טעג געדויערט דער גייעג אויף

יידן. פֿון פֿאַרטאָג ביז אין אָוונט האָבן געבושעוועט די ווילדע חיות. מיט דער הילף פֿון ספּעציעלע טעכניקער האָבן זיי אויפֿגעבראָכן טירן, טויערן, פֿאַרבויטע קעלערן און באַהעלטענישן, באַוואָרפֿן מיט האַנט־גראַנאַטן און שפּירהינט און באַנוצנדיק זיך מיט וואַסער־שפּריצן און גאַז.

אָבער אויף גומיענער גאַס, ווען די דייטשן באַפֿאַלן דעם הויף פֿון זאַבלודאָווסקי דעם בעקער און הייבן־אָן שלעפּן די יידן פֿון זייערע שטיבער און באַהעלטענישן, טרעט־אַרויס פּלוצלינג דער 30־יעריקער יצחק מאַלמעד און גיסט־אָפּ מיט וויטריאָל אַ דייטשן אָפֿיציר. ער ברענט אים אויס די אויגן. דער צווייטער דייטש וויל מיט זיין רעוואָלווער שיסן אויף מאַלמעדן, אָבער אין דעם אויגנבליק רייסט־אַרויס מאַלמעד דעם דעוואָלווער פֿון מערדערס האַנט און לייגט אים אַוועק אויפֿן אָרט. די אַנדערע געסטאַפּאָ־לייט וואַרפֿן זיך אויף מאַלמעדן און טויטן אים. מיט צוויי דייטשן האָט מאַלמעד זיך אָפּגערעכנט און דערמיט געוויזן דעם ערשטן ביישפּיל פֿון העלדנמוט. ער האָט זיין לעבן נישט אומזיסט אַוועקגעגעבן.

די דייטשן ווילן זיך אָפּרעכענען פֿאַר דער יידישער העזה, פֿאַרן וועלן זיך פֿאַרטיידיקן און נאָך דערביי פֿאַרניכטן צוויי פֿון דער „איידלסטער העכסטער ראַסע". זיי אַרעסטירן אַלע איינוואוינער פֿון הויף, אַן ערך 100 פּערזאָן, צווישן זיי דעם בעקער זאַבלודאָווסקי מיט זיין גאַנצער פֿאַמיליע. די יידן ווערן אַרויסגעפֿירט אין פּראַגער גאָרטן און ווערן אַלע דערשאָסן. מאַלמעדס טויטן קערפּער הענגען די דייטשן אויף אויף גומיענער גאַס, וואו ער בלייבט הענגען די גאַנצע 8 טעג פֿון דעם פּאָגראָם. אויפֿגערודערט פֿונם יידישן ווידערשטאַנד, זאָגן זיך שוין די דייטשן אָפּ פֿון דער מיטהילף פֿון באַראַשן מיט זיין פּאָליציי און פֿירן די אַקציע ווייטער דורך מיט אייגענע כּוחות.

אין דער זעלבער גומיענער גאַס גיט אויך אַ ווידערשטאַנד פֿיינגאָלד, וועלכער, אַריינפֿאַלנדיק אין די הענט פֿון שונא, טוט ער אַ שפּיי אין פּנים דעם דייטשן אָפֿיציר און שרייט־אויס:

— מאָסקווע ניט גענומען! סטאַלינגראַד ניט גענומען! אָבער קענען אונדז האָט איר אַ גבורה!

ער ווערט אויפֿן אָרט גלייך דערשאָסן.

אַ סך זיינען געווען אַזעלכע עפּיזאָדן, וואָס ביאַליסטאָקער יידן האָבן ביים טרעפֿן זיך פּנים אל פּנים מיטן שונא, נישט זייענדיק באַוואָפֿנט און זיך פֿילנדיק שוואַך, זיך באַנוצט מיט דעם איינציקן געווער, וואָס זיי האָבן געהאַט — שפּייען אין פּנים זייערע מערדער און אויסדריקן דערמיט שאַרף און עפֿנט־לעך די פֿאַראַכטונג צו זיי — און דערמיט זיך געשטעלט אויף דער געהעריקער הויך.

אַ וואונדערבאַר־העלדישן ווידערשטאַנד האָבן אויך גע־שטעלט די דריי שוועסטער, געבוירענע סעמיאַטיצקי: רבקה קאָרניאַנסקי, אסנע צאַלע און דבורה ליטווין. ווען זיי זעען דורכן פֿענצטער, אַז די דייטשן קומען־אָן, הייבן זיי אָן פֿון דריטן שטאָק פֿון זייער וואוינונג צו גיסן בענזין מיט וויטריאָל איבער דעם איינגאַנג. עס ווערן גערופֿן פֿייערלעשער, מען הייבט־אָן צו שפּריצן וואַסער אויף די ״בונטאָווששטשיצעס״ און זיי ענט־פֿערן ווידער מיט ברענענדיקן בענזין און וויטריאָל. סוף־כּל־סוף קריגן די דייטשן מיט געוואַלט זיי אַרונטער. צוויי פֿון זיי מיט זייערע קינדער ווערן גלייך דערשאָסן אויפֿן אָרט. די דריטע מיט אַ זון פֿון 6 יאָר ווערט אַוועקגעפֿירט אויפֿן זאַמל־פּלאַץ, דאָרט געלינגט איר, מיט דער הילף פֿון אַ יידישן פּאָליציאַנט, צו אַנטלויפֿן. אויפֿן וועג אָבער דערקענט איר אַ געסטאַפּאָ־מאַן אָלם איינע פֿון די דריי אויפֿשטענדיקע. ער פֿירט זי צוריק צום טראַנספּאָרט, מיט וועלכן זי ווערט געשיקט קיין טרעבלינקע.

די צוויי אַנדערע אומגעבראַכטע שוועסטער זיינען באַגראָבן געוואָרן אין אַ בשותּפותדיקן קבר אויפֿן בית־עולם אין געטאָ.

אַט אַזוי האָט דער ביאַליסטאָקער געטאָ, אומאָרגאַניזירט, נישט צוגעגרייט, גאַנץ סטיכיש געגעבן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא ביי דער ערשטער גרויסער עוואַקואַציע.

די „מאַלינעס"

פּונקט ווי נאָך אַ שלאַכט האָט מען, אויפֿשטעלנדיק ליסטעס פֿון די פֿאַרבליבענע, געמאַכט דעם סך־הכּל פֿון פֿאַרלוסט. עס האָבן געפֿעלט 13 טויזנט נפֿשות. אומגעקומען און אַוועק זיינען הויפּטזעכלעך די, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעטס־שיינען, אָדער וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ. עס האָבן זיך אַ סך אויך געראַטעוועט פֿון דעם דאָזיקן איבערפֿאַל, באַזונדערס די, וועלכע זיינען געווען באַהאַלטן אין די „מאַלינעס". אַזעלכע „מאַלינעס" זיינען געבויט געוואָרן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים. געוויינלעך איז אונטער דער פּאָדלאָגע אויסגעגראָבן געוואָרן אַ לאַנגער קאַנאַל, וואָס האָט געפֿירט צו דער באַהעלטעניש. דאָס צוגרייטן האָט געדויערט עטלעכע וואָכן. ביים אַריינגאַנג פֿלעגט ווערן אויפֿגעשטעלט אַ פּליטע, פֿון וועלכער מען פֿלעגט זיך דורך אַ לאָך אַראָפּלאָזן אין דעם קאַנאַל. דער אַריינגאַנג איז געוואָרן פֿאַרשטעלט און פֿאַרלייגט מיט האָלץ, מיט טעפּ און מיט אַנדערע געשיר.

פֿרוי פֿאַלק שילדערט ווי זי מיט איר פֿאַמיליע האָבן איבער־געלעבט די עוואַקואַציע־טעג אין זייער „מאַלינע".

„מיר זיינען דאָרט געזעסן 24 פּערזאָן, שוועסטער, ברידער און קינדער. ווי עס פֿלעגט נאָר ווערן טאָג, פֿלעגן מיר זיך באַמיִען צו זיין פֿאָלשטענדיק רואיק. זיצן אין אַ טויטער שטיל־קייט. אויפֿשטעלן האָט מען זיך נישט געקאָנט. ס'איז געווען

שרעקלעך שמוציק, ווייל מיר זיינען געלעגן אויפֿן זאַמד, ס׳איז נישט געווען קיין פּאַדלאָגע. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז געווען איינצוהאַלטן די שטילקייט. מען האָט געלעבט אין דער שטענדיקער מורא, אַז אַ קינד וועט אָנהייבן צו וויינען, ווייל מיר האָבן געוואוסט, אַז איבער אונדזערע קעפּ לויערט די בייזע חיה. עס איז געווען אויפֿן זיבעטן טאָג פֿון דער אַקציע. מיר הערן איבער אונדז ווי די דייטשן נורשטשען אַרום אין אונדזער וואוינונג. צום אומגליק הייבט־אָן גראַד אַ קינד צו וויינען און די געסטאַפּאָ־מענער הייבן־אונדז אָן צו זוכן. 3 שעה האָט געדויערט די זוכעניש. זיי האָבן דעמאָלירט די גאַנצע וואוינונג און האָבן נישט געקאָנט געפֿינען דעם אָרט, וואָס פֿירט צו דער באַהעלטעניש. אין דעם מאָמענט הייבט־אָן אַ צווייט קינד צו וויינען. די שטימע פֿון קינד פֿירט די שפּירהינט צו דער עפֿענונג פֿון אונדזער באַהעלטעניש. מיר הערן ווי זיי צעברעכן די פּליטע און אַ שטימע פֿון אַ יידישן פֿאַררעטער דערגייט צו אונדז:

— גייט אַרויס, אַניט וואַרפֿן מיר אַ האַנט־גראַנאַט!

די יידישע פּאָליציי האָט גענומען אַן אַקטיוון און טרויעריקן אָנטייל אין דער אַקציע. די דייטשן פֿלעגן פֿאַר מורא אַליין נישט אַראָפּגיין זוכן, און געשיקט די יידישע פּאָליציאַנטן. נישט וועלנדיק אויפֿמערקזאַם מאַכן אונדזערע שונאים דורך רעדן, האָבן מיר זיך געקאָנט נאָר איבערקוקן. אויף יעדנס ליפּן האָט געשוועבט די פֿראַגע: וואָס זאָלן מיר מאַכן? און אַלעמענס בליקן האָבן געהאַט דעם איין אויסדרוק: נישט אַרויסגיין! אַרויסגיין באַדייט דער טויט. וואָס עס דאַרף געשען זאָל געשען אויפֿן אָרט. צו וואָס נאָך מיט קליינע קינדער גיין אין גרויסן פֿראָסט, אָן עסן און אָן טרינקען. אָבער די מערדערס און די פּאָליציי טרעטן נישט אָפּ. איין טייל פֿון מיין פֿאַמיליע, וואָס איז געזעסן נאָענט ביים אַרויסגאַנג, באַשליסט זיך אונטערצוגעבן. זיי גייען פֿרייוויליק אַלס קרבנות, כּדי די איבע־

ריקע צו ראַטעווען. מיר הערן נאָך ווי זיי בעטן זיך ביי די דייטשן זיי זאָלן זיי פּריילאָזן, אָבער צו אונדז דערגייט נאָר דאָס סאַרקאַסטישע געלעכטער פון דער גיפטיקער שלאַנג. מיר איבערגעבליבענע פאַררוקן זיך נאָך טיפער אין די ווינקלען פון קאַנאַל, מען זאָל אונדז נישט באַמערקן. נאָכאַמאָל קומט אַראָפּ אַ פּאָליציאַנט און שלעפּט אַרויס אַ 14־יעריקע מיידעלע, מיינע אַ פּלימעניצע. מיר הערן איר שרעקלעכן יאָמער. דער פּאָלי־ציאַנט נעמט איר אָבער מיט געוואַלט און זאָגט:

— קום, קום, מיידעלע! עס וועט מיט דיר גאָרנישט פּאַסירן!

מיר האָבן אין אונדזער ווייטיק נישט געקאָנט רעאַגירן. מען קאָן נישט וויינען, נישט שרייען נאָך אונדזערע ליבסטע און טייערסטע. מיר זיצן ווי אין אַ קבר, נישט ווי קיין מענטשן, נאָר ווי שאָטנס, ווי מתים. מיר ווייסן, אַז אונדזער באַהעלטעניש איז אינגאַנצן צעשעדיקט, דער אַרויסגאַנג צו אונדז איז אָפן און אין יסורים און טויט־שרעקעניש בלייבן מיר זיצן, ביז עס ווערט אינגאַנצן פינצטער.

פּלוצלינג דערהערן מיר ווידער טריט. דאָסמאָל זיינען עס אייגענע. עס קומען־אָן מיינער אַ ברודער און אַ שוואָגער, וועלכע זיינען געווען באַהאַלטן אויף אַ צווייטן פּלאַץ אין זעלבן הויז. זיי געפינען נישט מער זייערע פרויען און קינדער. ס׳שפּילט זיך אָפּ אַן אומבאַשרייבלעכע טראַגעדיע. מען חלשט, מען קריגט ספּאַזמעס. מיר זיינען פאַרבליבן 12 פּערזאָנען. מען מוז ראַטעווען די איבעריקע נפשות. מען מוז מאַכן אַ פּלאַן אויף ווייטער. מען מוז געפינען אַן אַנדער פּלאַץ זיך צו באַ־האַלטן. אָבער ווער וועט אונדז אַריינלאָזן מיט קינדער? נאָך פיל מי און ענערגיע, געלינגט אונדז צו געפינען אַ פּלאַץ נאָר פאַר 3 פּערזאָן. מיר לאָזן זיך אין דער פינצטער גיין איבערן שטאָט צו די, וואָס זיינען מסכים אונדז אַריינצונעמען אין זיי־

ערע „מאלינעם". מיר זעען שרעקלעכע בילדער. אין די גאַסן פֿון געטאָ ליגן אַ סך טויטע. נישטאָ קיין צייט זיי אַוועקצו־נעמען. פֿענצטער און טירן זיינען צעהאַקט, ווי נאָך אַ שווידער־לעכן פּאָגראָם. מיר באַזעצן אונדזער נייע „מאלינע" און היטן שטרענג אָפּ דאָס געבאָט פֿון שטילקייט. 7 אַזייגער אינדערפֿרי הייבט זיך ווידער אָן די זוכעניש נאָך „מאלינעם" דורך דער פּאָליציי און געסטאַפּאָ. אַ גאַנצן טאָג הערט מען ווי מען ברעכט דעכער, מען צעקלאַפּט טירן און פֿענצטער. מען הערט געשרייען פֿון מענטשן, וועלכע מען שלעפּט אַרויס פֿון זייערע באַהעלטע־נישן. דאָס איז דער 8טער טאָג פֿון דער עוואַקואַציע — דער לעצטער. מיט צרות האָבן מיר קוים אים אַריבערגעלעבט. ער איז געווען לאַנג ווי דער יידישער גלות. ענדלעך איז געקומען די נאַכט. די מערדערס האָבן פֿאַרלאָזן דעם געטאָ. מיר לויפֿן אַ קוק טאָן אין אונדזער פֿאַרערדיקער „מאלינע", וואו עס זיינען נאָך געבליבן עטלעכע פֿון אונדז, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט וואו צו גיין. זיי דערציילן, אַז די דייטשן זיינען דאָרט ווידער געוועזן, און זעענדיק די אָפֿענע „מאלינע", האָבן זיי אַריינגע־וואָרפֿן אַ האַנט־גראַנאַט און אַוועק. דורך אַ נס זיינען זיי ניצול געוואָרן."

צומאָרגנס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דער פּאָגראָם. די דייטשן האָבן וועגן דעם אָפֿיציעל געמאָלדן דעם יידן־ראַט. די בעסטיעס זיינען אויף אַ צייט געזעטיקט. יידן הייבן־אָן אַרויס־צוקריכן פֿון די „מאלינעם" און צוריקקומען אין די צעשטערטע היימען. מ'זעט איצט דעם חורבן. מאַמעס געפֿינען נישט מער זייערע קינדער, קינדער געפֿינען נישט מער זייערע מאַמעס. ברידער האָבן פֿאַרלאָרן זייערע שוועסטער. מען הייבט־אָן אָפּ־רוימען די טויטע קערפּערס, וועלכע מען פֿירט אַוועק אויף גרויסע וועגענער. מען זעט אויך וועגענער מיט טויטע קינדער, וועלכע זיינען אָפּטמאָל אומגעקומען אין די „מאלינעם" דורך

די הענט פֿון זייערע אייגענע מאַמעס, כּדי מען זאָל נישט דער־הערן זייערע געוויינען.

10,000 ביאַליסטאָקער יידן פֿאַרברענט

אַן ערך 1,000 טויטע אויף די גאַסן און אין די קעלערן פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ. 12,000 יידן דעפּאָרטירט אין בירקענוי, ביי אוישוויץ. דאָס איז דער סך־הכּל פֿון דער ערשטער עוואַקואַציע.

הערשל ליקער פֿון דער בעקעריי אין דער יוראַוויעצקער גאַס 22, אַ בחור, וואָס איז איצט אַלט 18 יאָר, וועלכער איז מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט דעם טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ־בירקענוי און האָט זיך מיט נסים געראַטעוועט, דערציילט, אַז פֿון די 12,000 נפֿשות, וואָס זיינען אָנגעקומען אין די וואַגאָנען קיין בירקענוי, האָט זיך ביים ערשטען אַפּעל, נאָכדעם ווי מען האָט אָפּגעלאָדן די „סחורה", אַרויסגעוויזן, אַז עס זיינען דאָ נאָר 11,000 לעבעדיקע. 1,000 האָבן געפֿעלט. אַ טייל איז אַראָפּ־געשפּרונגען אונטערוועגנס און איז דערהרגעט געוואָרן און דעם אַנדערן טייל האָט מען געפֿונען טויט אין די וואַגאָנעס גופֿא, פֿיל דערשטיקטע, מייסטנס אָבער וואָס האָבן זיך אַליין דאָס לעבן גענומען דורך אויפֿהענגען און אַנדערע מיתות־משונות.

גלייך ביים ערשטן אַפּעל האָט מען פֿון די 11,000 אָפּגע־קליבן נישט מער ווי 250, וועלכע מען האָט אַריינגעשיקט קיין אוישוויץ צום אַרבעטן. איבער 10,000 מענער, פֿרויען און קינדער זיינען אָפּגעפֿירט געוואָרן גלייך אין די קרעמאַטאָריעס!

5 וואָכן שפּעטער זיינען אין אוישוויץ פֿון די 250 געווען נאָר 150 לעבן־געבליבענע. 100 זיינען שוין געהאַט געפֿאַלן אונטער דער לאַסט פֿון דער עבודת־פּרך.

מי ימות ומי יחיה. אין געטאָ פֿון ביאַליסטאָק זיינען שוין ווידער 13,000 יידן ווייניקער און די לעבן־געבליבענע ווילן

ווייטער לעבן און אַרבעטן, כּדי צו דערהאַלטן זייער לעבן. עס איז אָבער באַשערט, אַז דער ביאַליסטאָקער געטאָ זאָל נישט ווערן קיין סך קלענער. עס קומען אָן פּלוצלינג קיין ביאַליסטאָק 10,000 יידן פֿון גראָדנע. דאָס זיינען געווען די לעצטע יידן נאָכדעם ווי דער גראָדנער געטאָ איז ליקווידירט געוואָרן. עס ווערט ווידער אַ סומאַטאָכע מיט וואוינונגען, ווייל די דייטשע מאַכט האָט אַרויסגעלאָזן אַ פֿאַראָרדנונג, אַז דער שטח פֿון געטאָ זאָל ווערן קלענער. נאָך ענגער מוז ווערן די שטייג, נאָך פּעסטער מוז ווערן צוזאַמענגעצויגן דער שטריק אַרום האַלדז פֿון ביאַליסטאָקער יישוב.

מוסרים נומ. 2

נאָך דער ערשטער עוואַקואַציע, נאָכן גרויסן פּאָגראָם, נאָך דעם אַלעמען וואָס מ'האָט נאָר-וואָס איבערגעלעבט, שווימט אַרויף אין געטאָ אַ פֿרישע צרה אויף יידן, אַ נייע טעראָריס-טישע באַנדע, די ברידער יודקאָווסקי. זיי האָבן זיך געראַטע-וועט פֿון סלאָנימער פּאָגראָם. מען מורמלט, אַז פֿון דעם פּאָגראָם זיינען זיי געבליבן לעבן נאָר דערפֿאַר, ווייל זיי זיינען שוין דאָרט געווען געסטאַפּאָ-אַגענטן. אין ביאַליסטאָק זיינען זיי אַרומגעגאַנגען אָן לאַטעס. די יידישע באַפֿעלקערונג האָט מורא געהאַט פֿאַר זיי, אָבער אויך די קריסטלעכע באַפֿעלקערונג אויסער דעם געטאָ האָט געציטערט פֿאַר זיי. בעת דער עוואַ-קואַציע זיינען זיי אַרומגעגאַנגען מיט די געסטאַפּאָ-לייט און האָבן געהאָלפֿן אויפֿדעקן די „מאַלינעס". שרעקלעכע מעשים פֿלעגן די ברידער יודקאָווסקי אָפּטאָן אין דער שטאָט. ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי שאַנטאַזשירט און אַרויסגעפּרעסט געלט. אויף זייער געוויסן האָבן זיי געהאַט אַ סך נפֿשות. די אויפֿ-רעגונג קעגן זיי איז געוואָרן אַלעמאָל גרעסער.

ווען יעקב פֿריימאַן פֿון דער ווידערשטאַנד־גרופּע האָט גע־טראָפֿן יודקאָווסקין אין פּאַבריטשנע גאַס אויג אויף אויג, האָט ער באַשלאָסן צו באַפֿרייען דעם געטאָ פֿון דער דאָזיקער מכּה און האָט אין אים געשאָסן. ער האָט אים נאָר פֿאַרוואונדעט, אָבער אַרום דעם אינצידענט האָט זיך געשאַפֿן אַ טומל, וואָס איז דערגאַנגען ביז צו דער געסטאַפּאָ. דעם טומל האָט אויסגענוצט דער יידן־ראַט און האָט דעמאַסקירט די ברידער יודקאָווסקי. זיי זיינען פּלוצלינג אַרעסטירט געוואָרן דורך זייערע באַלעבאַ־טים, ווען זיי האָבן געדינט, זיי מיט זייערע גאַנצע משפּחות זיינען שפּעטער אַלע דערשאָסן געוואָרן. נאָר איין פּערזאָן פֿון דער משפּחה יודקאָווסקי, זייערע אַ שוועסטער, מוז נאָך לעבן. זי איז געווען מיט פֿרוי פֿאַלק צוזאַמען אין לאַגער. זי הייסט אַננאַ ווינציקשטערן. זי איז געווען אַ קאַפּאָ און האָט אירע אונטער־טעניקע שרעקלעך געפּייניקט.

דאָס לעבן אין געטאָ גייט ווייטער. דער יידן־ראַט שפּילט ווייטער זיין ראָל אַלס באַשיצער פֿון די יידישע אינטערעסן. דער פֿינאַנץ־אַמט פֿון יידן־ראַט, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון הער טיקטין פֿון עקספּעדיציע־קאַנטאָר, מאָנט ווייטער אויף די שטייערן, נישט רעכענענדיק זיך מיט דעם צי מען האָט, צי מען האָט נישט. ווער עס צאָלט נישט, אָדער האָט נישט צו צאָלן, ווערט פּשוט אַרעסטירט. מען קומט אין דער תּפֿיסה אויף יאַטקע־גאַס, וועלכע מען רופֿט־אָן אין געטאָ „סינג־סינג".


Benn

IV

דער געטאָ ווערט ליקווידירט

צווייטע עוואַקואַציע

וווייטערע 6 חדשים האָבן די ביאַליסטאָקער לעבעדיקע מתים זיך אָפּגעמאַטערט און אָפּגעלעבט אין שרעק און פּיין. דער ביטחון איז ביסלעכווייז פֿאַרשוואונדן. עס האָט זיך עפּעס געפֿילט ווידער אין דער לופֿט. דער אָבער־שטורם־פֿירער פֿרידל, דער אייגנטלעכער אינקוויזיציע־שעף, איז בכבודו ובעצמו אַרונ־טערגעקומען אין געטאָ און עפּעס באַקוקט די פּאַרקאַנעס. אַ שלעכטער סימן! עס איז קלאָר, אַז אַ נייער טייוולשער פּלאַן ווערט צוגעגרייט פֿון די באַנדיטן, און זונטיק, דעם 15טן אוי־גוסט 1943, קומט טאַקע אַרויס דער מערדערישער באַפֿעל: מאַכן ביאַליסטאָק יידן־ריין! אַלע ביאַליסטאָקער יידן מוזן ווערן דעפּאָרטירט אין די לאַגערן. 12 אַזייגער ביינאַכט ווערט דער געטאָ אַרומגערינגלט. עס גייט אַרויס די פּאַראָל: ווער עס קאָן, זאָל זיך ראַטעווען! וואָס שנעלער אין די „מאַלינעס"!

לויט דער פֿאַראָרדענונג פֿון דער געסטאַפּאָ, מוזן אַלע יידן ביז 9 אַזייגער אינדערפֿרי זיין אויפֿן זאַמל־פּלאַץ. די מענטשן, וואָס זיינען די נאַכט אָפּגעלעגן אין די „מאַלינעס", זיך דער־וויסנדיק פֿאַרטאָג, אַז מען כאַפּט נאָך נישט מיט געוואַלט, און אַז מען זאָל זיך פֿרייוויליק מעלדן אויפֿן באַשטימטן אָרט, קריכן אַרויס פֿון זייערע באַהעלטענישן און הייבן זיך אָן צו יישובן:

וואָס זאָל מען מאַכן? זאָל מען גיין פּריייווויליק מיטן טראַנס־פּאָרט, אָדער זאָל מען זיך ווייטער באַהאַלטן? מען זעט ווי די יידן־ראַטניקעס מיט זייערע פאַמיליעס ציען זיך אַריבער אין דעם בנין פון יידן־ראַט. עס גייט־אַרום אַ קלאַנג, אַז באַראַש האָט שוין מער גאָרנישט וואָס צו זאָגן, און אַז דער יידן־ראַט איז שוין באַזעצט מיט דייטשן. די יידישע פּאָליציי האָט מען געהייסן אויסטאָן די אָרעם־בענדער און די אוניפאָרם־היטלען. עטלעכע פון זיי האָבן עס שוין אַליין פריִער געטאָן, ווען זיי האָבן געזען, אַז זיי קאָנען שוין מיט דעם סיי־ווי־סיי נישט ראַ־טעווען זייערע משפחות.

נאָר אַ קליינער טייל האָט זיך באַוויזן צו באַהאַלטן אין די „מאַלינעס". די איבעריקע יידישע באַפעלקערונג האָט פאַרלאָזן דעם געטאָ דורכן טויער פון יוראַוויעצקע און פאַרבריטשנע. אויפן זאַמל־פּלאַץ שטייט דער צונויפגעקליבענער עולם ווי אַ סטאַדע בהמות פאַר דער שחיטה, יעדער מיט אַ קליין פּעקעלע, וואָס ער וויל נאָך מיטנעמען אויף יענער וועלט. עס הערן זיך געוואַלדן פון פרויען, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע מענער, און פון מאַמעס, וואָס האָבן אין דעם טומל אָנגעוואָרן זייערע קינ־דער. די פּאַניק איז אומבאַשרייבלעך.

אויפן דריטן טאָג פון דער מאַסן־עוואַקואַציע האָט מען אויפן זאַמל־פּלאַץ ביי די מאַמעס אָוועקגערויבט די קינדער. די דייטשן האָבן 1,200 קינדער פון 5 ביז 14 יאָר צוגענומען פון פּלאַץ און אַריינגעפירט צוריק אין געטאָ. זיי האָבן גע־טרייסט די מאַמעס, אַז מען וויל די קינדער ראַטעווען, כּדי זיי זאָלן נישט דאַרפן דורכמאַכן די שווערע לעבנס־באַדינגונגען, ווען די מאַמעס וועלן דאַרפן אַרבעטן. מען וועט פאַר די קינדער כּלומרשט זאָרגן. די דייטשן האָבן נאָך געהאַט די צינישע העזה צוצוגעבן, אַז מען וועט די קינדער שפּעטער אַרויסשיקן קיין אויסלאַנד און אויסטוישן זיי קעגן דייטשע געפאַנגענע. עטלעכע

וואָכן שפּעטער, ווען ביאַליסטאָק איז געוואָרן יידן־ריין, ווען אַלץ איז געוואָרן ליקווידירט, האָבן די אינקוויזיטאָרן טאַקע געהאַלטן וואָרט. זיי האָבן די קינדער אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד, אין טערעזיענשטאַט. שפּעטער האָט מען זיי געבראַכט קיין אוי־שוויץ, אין די גאַז־קאַמערן, וואו זיי האָבן פאַרענדיקט זייער קוים־אָנגעהויבענעם לעבן.

איידער מען האָט דעם אויפגעזאַמלטן עולם אויפגעלאָדן אויף אַוועקצוטראַנספּאָרטירן אין די טויטן־לאַגערן, האָבן די בעסטיעס געמאַכט אַן אָפּקלייבעניש פאַר דעם לאַגער אין מיי־דאַנעק. אַ ס.־ס.־מאַן האָט מיט אַ שטעקן אין דער האַנט פון די אויסגעשטעלטע פרויען אַרויסגעשלעפּט 150 יינגערע, גע־זונטערע, אַרבעטס־פעאיקערע שקלאַפינען. דאָס זיינען געווען די גליקלעכע, וואָס זיינען אין מיידאַנעק און אַנדערע לאַגערן פאַר־ווענדט געוואָרן צו שווערע אַרבעטן און האָבן נאָך געהאַט די אויסזיכט נישט אַזוי שנעל געשיקט צו ווערן אין קרעמאַטאָריום. און עטלעכע פון זיי זיינען טאַקע לעבן־געבליבן.

אַלע איבערגעבליבענע זיינען פון דעם זאַמל־פּלאַץ אין וואַ־גאָנעס געשיקט געוואָרן צום טויט.

באַוואָפנטער ווידערשטאַנד־קאַמף פאַרן יידישן כבוד

שוין אין דעצעמבער 1941 האָט זיך געבילדעט אין ביאַ־ליסטאָקער געטאָ דער אַנטיפאַשיסטישער ווידערשטאַנד־קאָמי־טעט. זייער אויפגאַבע איז געווען: העלפן די געפאַנגענע, שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט דער ערשטער יידישער פּאַר־טיזאַנען־גרופּע, וואָס איז געווען אונטער דער אָנפירונג פון מישא סיביריאַק, אין די וועלדער אַרום ביאַליסטאָק. זייער וויכ־טיקסטער ציל איז געווען צו שאַפן אַן אייגענע ווידערשטאַנדס־גרופּע און צוגרייטן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין און אויסער

דעם געטאָ. זייער געווער האָבן זיי ביסלעכווייז גענומען פֿון די דייטשע מאַגאַזינען אין ביאַליסטאָק. אין האַרץ פֿון געטאָ אין טשיסטאַ 8 האָבן זיי צוגעגרייט און איינגעשטעלט אַן אַטעליע, אין וועלכן מען האָט אונטער דער אויפֿפֿירונג פֿון אינזשעניער פֿאַרבער געמאַכט באָמבעס און גראַנאַטן. מיטגעאַרבעט האָבן דערביי קוכאַרעווסקי, סאַשאַ גאָלדבערג און אָדל לעווין.

די יוגנט, וואָס האָט פֿאַר דער לעצטער צייט זיך באַוויזן פֿעסטער צו אָרגאַניזירן, האָט באַשלאָסן דאַסמאָל, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דעם אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד, נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס דער שונא איז אומפֿאַרגלייכלעך שטאַרקער. מען האָט געוואוסט, אַז מען קאָן נישט געווינען די שלאַכט, אָבער „שטאַרבן ווי העלדן" — איז געווען די פּאַראָלע פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפֿשטאַנד. די יוגנט געזעגנט זיך מיט זייערע פֿאַמיליעס און באַקאַנטע, גרו־פּירט זיך אין איין פּונקט און שטעלט זיך אין קאַמף. זיי צע־ברעכן די פּאַרקאַנעס פֿון געטאָ, רייסן זיך אַדורך דורך דער דייטשער וואַך און העלדיש עפֿענען זיי אַ פֿייער אויפֿן שונא. דייטש בלוט גיסט זיך אין די דאָזיקע טעג אויף די גאַסן פֿון ביאַליסטאָק. נאָר מיט טאַנקען און עראָפּלאַנען האָט „גרוים־דויטשלאַנד" דערשטיקט דעם העלדישן ווידערשטאַנד פֿון 2,000 יידישע מאַקאַבייער. אַ טייל פֿון זיי איז געפֿאַלן פֿאַרן כּבֿוד פֿון זייער פֿאָלק. אַ קליינעם טייל נאָר איז געלונגען זיך צו ראַ־טעווען און צו פֿאַראייניקן זיך אין די וועלדער אַרום ביאַלי־סטאָק מיט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנען און ווייטער קעמפֿן מיטן שונא.*)

---

*) פּרטים פֿון דער צוגרייטונג צום אָרגאַניזירטן אויפֿשטאַנד און וועגן אויפֿ־שטאַנד גופֿא ווערן גענויער געשילדערט אין דער בראָשור פֿון ב. מאַרק „דער אויפֿשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ".

דער קליינער געטאָ

נאָך דער צווייטער מאַסן-עוואַקואַציע, דאָס הייסט נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן אָפּטראַנספּאָרטירט דעם גאַנצן ביאַליסטאָקער יידישן יישוב אין די טויט-לאַגערן, זיינען נאָך געבליבן אַן ערך 500 - 600 יידן. זיי האָבן געבילדעט דעם אַזוי-גערופּענעם „קליינעם געטאָ". דאָס זיינען געווען די מיטגלידער פון יידן-ראַט מיט זייערע משפחות, געוועזענע יידישע פּאָליציילייט מיט זייערע קרובים און נאָך אויסדערוויילטע, וועלכע ס'איז געלונגען אויך דאַסמאָל אויף אַ קורצער ווײַלע צו אַנטרינען פון די הענט פון די פאַרברעכער. דאָס זיינען געווען איבער 500 יידן, וואָס די דייטשע מאַכט האָט זיי געגעבן אַ צייטווייליקע דערלויבעניש, אַ וויזע פון אַ פּאָר וואָכן, צו פאַרבלייבן אויף דער וועלט.

דער קליינער געטאָ איז געשאַפן געוואָרן דורך די דייטשן צו דעם צוועק, אַז די ביז-איצט נוצלעך-געוועזענע יידן זאָלן נאָך פאַר זייער אונטערגאַנג זיין די קברנים פון דעם באַרימטן יידישן יישוב. זיי, די יידן אַליין, דאַרפן ליקווידירן דאָס יידישע לעבן אויף דעם שטיקל ערד, וואָס מען האָט אַמאָל אַ נאָמען געגעבן ביאַליסטאָק. זיי דאַרפן אָפּוואַשן די בלוט-שפּורן פון דער געסטאַפּאָ-מערדעריי אין דער יידן-ריינער „עכטער פּרייסישער שטאָט" ביאַליסטאָק.

4 וואָכן האָט געדויערט די ריניקונגס- און ליקווידאַציע-אַרבעט פון קליינעם געטאָ. נאָכדעם ווי אַלץ איז געוואָרן אָפּגעטאָן, האָט אויך „דער מאַר געקאָנט גיין". די לעצטע 500-600 יידן זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַן אַרבעטס-לאַגער ביי לובלין. קיינער פון זיי לעבט נישט מער.

דעם 3טן נאָוועמבער 1943 איז אין לאַגער ביי לובלין געווען אַ גרויסע שחיטה. דאָרט איז פאַרניכטעט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון ביאַליסטאָקער יידישן געטאָ-יישוב.

אין משך פֿון די 4 וואָכן האָבן די דייטשן נישט אויפֿגע־הערט צו זוכן יידן אין „מאַלינעס". זיי האָבן געוואוסט, אַז עס זיינען פֿאַראַן יידן, וואָס באַהאַלטן זיך. די, וואָס מען האָט גע־פֿונען, האָט מען אַוועקגעפֿירט הינטערן שטאָט און דערשאָסן. אַ סך פֿון די, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין „מאַלינעס", האָבן זיך אַריינגעקראָגן בגנבה אין קליינעם געטאָ באַצאָלנדיק פֿאַר דעם נאָך גרויסע סומעס. זיי זיינען געוואָרן שפּעטער אָפּ־טראַנספּאָרטירט מיט די לעצטע יידן.

ווען מען האָט זיך אין די „מאַלינעס" דערוואוסט, אַז מען ליקווידירט שוין דעם קליינעם געטאָ אויך, האָט מען אָנגעהויבן ערנסט צו טראַכטן, צי זאָל מען נישט בעסער מיטגיין מיט דעם לעצטן טראַנספּאָרט. די געפֿאַר פֿון אַנטדעקן די באַהעלטענישן איז געוואָרן אַלעמאָל גרעסער, און די סכּנה, אַז מען וועט אין די „מאַלינעס" סיי־ווי־סיי נישט קאָנען לאַנג אויסהאַלטן, איז געוואָרן אַלעמאָל בולטער. די דייטשן האָבן אָפּגעשטעלט די עלעקטרע, דאָס וואַסער און די לאַגע אין די באַהעלטענישן איז געוואָרן מיט יעדן טאָג אומדערטרעגלעכער.

אין אַ באַהעלטעניש אויף יוראַוויעצקע 26 איז געלעגן דער פֿאַרוואונדעטער שמוליע אָסאָוויעצקי, וואָס האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אויפֿשטאַנד און איז פֿאַרוואונדעט געוואָרן אין פֿוס. ער האָט זיך דערנסמאָל קוים דערשלעפּט צו דעם הויז, וויסנדיק, אַז דאָרט איז דאָ אַ „מאַלינע". די דאָזיקע „מאַלינע" איז געוואָרן אויפֿגעדעקט. אָסאָוויעצקי האָט געבעטן ביי די דייטשן זיי זאָלן אים דערשיסן. זיי האָבן זיין בקשה דערפֿילט.

אפֿילו ביינאַכט, ווען עס פֿלעגט פֿריער זיין רואיק, ווייל די דייטשן האָבן מורא געהאַט אַריינצוקומען אין געטאָ, זיינען שוין נאָכדעם אַרומגעגאַנגען פּאַטרולן. זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז די באַהאַלטענע יידן קריכן ביינאַכט אַרויס פֿון זייערע לעכער.

איצט האָט מען שוין נישט נאָר מורא געהאַט פאַרן טאָג, נאָר מען האָט נאָך מער געציטערט פאַר דער נאַכט. נאָכדעם ווי זיי זיינען פטור געוואָרן פון די לעבעדיקע מענטשן האָבן די דייטשן אָנגעהויבן אַרויסצונעמען די זאַכן פון די הייזער און אויפצו־קלייבן די מעבל און דאָס נאָך פאַרבליבענע יידישע גוטס. די אַרבעט איז באַזונדערס גרינטלעך אויסגעפירט געוואָרן פון ווייסרוסן און אוקראַינער.

דער ביאַליסטאָקער געטאָ האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.


Benn

V

נאָך דער ליקווידאַציע

אין קעלער

— מאַמע, מען שיסט! איך האָב מורא! קום שנעלער אין קעלער זיך באַהאַלטן! — ווענדט זיך דאָס 3־יעריקע טעכטערל פֿון רחל פֿאַלק צו דער מוטער. דאָס איז געווען אין דעם מאָמענט, ווען 30,000 ייִדן זיינען געשטאַנען פֿון איין זייט גרייט צו גיין דעם וועג קיין אוישוויץ, מיידאַנעק. פֿון דער צווייטער זייט האָבן 2,000 יונגע ייִדישע העלדן אָנגעהויבן אַ שלאַכט מיט דער דייטשער מאַכט.

„אין דעם מאָמענט, — גיט איבער פֿרוי פֿאַלק — נעם איך אָן דעם דעצידירנדיקן באַשלוס: צו די ערשטע וויל איך נישט גיין, צו די צווייטע קאָן איך נישט, ווייל איך פֿיל מיך צו־שוואַך און איך באַשליס אַרונטערצוגיין אין מיין „מאַלינע", איך, מיין מאַן און מיין קינד און נאָך עטלעכע באַקאַנטע מיט פֿרויען און קינדער. דאָסמאָל האָבן מיר אַוועקגעלייגט פֿיל מי און נישט געשאַנעוועט קיין געלט גוט צוצוגרייטן די באַהעלטעניש. מיט מאָנאַטן צוריק האָבן מיר שוין באַזאָרגט אונדזער פֿעסטונג.

דאָס איז געווען אַ קעלער, וואָס האָט געהאַלטן אומגעפֿער 4 מעטער די לענג. אַראָפּגעגאַנגען אין קעלער זיינען מיר דורך אַ פּליטע. דאָרט האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ קאַנאַל. פֿון קאַנאַל זיינען מיר אַריין אין אַ קליין צימערל, וואָס איז געווען פֿאַרזאָרגט מיט וואַסער און ליכט. מיר זיינען דאָרט געזעסן 9

דערוואַקסענע און 5 קינדער. לייגן זיך און שטיין האָט מען נישט געקאָנט. מען האָט געמוזט די גאַנצע צייט נאָר בלייבן זיצנדיקערהייט. די ערשטע 24 שעה זיינען מיר געזעסן אין אַ טויטער שטילקייט. פאַר די קינדער האָבן מיר געהאַט ברויט און קאַלט וואַסער. איבער אונדז האָבן מיר געהערט ווי מען לויפט אַרום אין דער וואוינונג זוכן. מיר האָבן אויך געהערט כסדר שיסן.

אָפּזיצנדיק 2 טעג, באַשליסן מיר איינמאָל גאַנץ שפּעט ביי־נאַכט אַרויסצוגיין און אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך אין געטאָ. מיר עפענען אונדזער באַהעלטעניש, מיר גייען אַרויס אויפן הויף. דעם הויף איז נישט צו דערקענען. עס ליגן פול פעק, וואָס מענטשן האָבן אַוועקגעוואָרפן, ווייל דער טאָג פון עוואַקואַציע איז געווען זייער אַ הייסער און זיי האָבן נישט געהאַט קיין כוח מיטצושלעפּן זייערע לעצטע בעבעכעס. מיר זיינען אַריין אין אונדזער וואוינונג, אָפּקאָכן עסן פאַר די קינדער, און נאָכדעם גלייך זיך ווידער אַראָפּלאָזן אין דער „פעסטונג". אַזוי פלעגן מיר אַרויסגיין יעדע נאַכט זיך אַרומוואַשן און קאָכן עסן, ביי טאָג פלעגט מען אַ שלאָף־טאָן זיצנדיקערהייט. אָבער דער שלאָף איז אָפט געשטערט געוואָרן דורך די שווערע טריט פון די רויבער, וואָס פלעגן זוכן אין דער וואוינונג. די קינדער האָבן פאַרשטאַנען די סכנה און זיינען געבליבן מיט אַן איינגעהאַל־טענעם אָטעם.

אַזוי האָט מען אָפּגעלעבט 2 וואָכן. אַרויסגייענדיק יעדע נאַכט, האָט מען אָנגעהויבן זיך טרעפן מיט אַנדערע מענטשן, וואָס פלעגן אויך אַרויסקריכן פון זייערע באַהעלטענישן, גיין זוכן עסנוואַרג אין די ליידיקע דירות. מען דערוויסט זיך נייעס. אין אַ „מאַלינע" אויף יוראַוויעצקע 26 פלעגט אַריינקומען יצחקל, אַ חלוץ פון ווילנער געטאָ, וואָס איז געווען איינער פון די אויפשטענדלער. ער איז אויך געווען דער אַדיוטאַנט פון

באַראַשן, און ער פּלעגט עס דערציילן נייעס פֿון דעם געטאָ. און די נייעס פּלעגט זיך פֿאַנאַנדערטראָגן פֿון איינעם צום אַנדערן איבער דעם ביאַליסטאָקער אונטערערדישן לעבן אין דער פֿינצטערניש פֿון די טרויעריקע נעכט.

מיר האָבן אַלץ געוואוסט. מיר האָבן געוואוסט, אַז די דייטשן האָבן געשאַפֿן פֿון די איבערגעבליבענע עטלעכע הונדערט יידן אַ קליינעם געטאָ. מיר האָבן אויך געהערט, אַז אויך דער קליינער געטאָ ווערט די טעג ליקווידירט. עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך געיישובט אַרויסצוגיין אויף דער פֿריי, כּדי אַוועקצוגיין מיטן לעצטן טראַנספּאָרט. אָבער צום סוף האָט דער ווילן צום לעבן דאָך גובר געווען. מיר האָבן באַשלאָסן זיך נישט אונטערצוגעבן, ווייטער פֿירן דעם פּאַסיוון אונטערערדישן קאַמף . . .

און מען איז ווידער יעדע נאַכט אַרויס, אָפּגעקאָכט אַביסל עסן, אַבי צו דערהאַלטן די קינדער ביים לעבן. נאָך וואַסער פּלעגן מיר גיין אַ וויטן וועג, צום גאָרטן פֿון יידן-ראַט. איינמאָל ביינאַכט דערהערן מיר פּלוצים אַ שיסעריי און מענטשן-טריט. מיר באַוויזן נאָך שנעל אַרונטערצולויפֿן אין קעלער. מיר האָבן זיך נאָכדעם דערוואוסט, אַז דאָס האָט מען אַנטדעקט אַ „מאַלינע" נאָענט פֿון אונדז. מיר זיינען אייניקע נעכט נישט אַרויסגעגאַנגען מער קאָכן. די קינדער פּלעגן עסן טרוקן ברויט און פֿאַרטרינקען מיט קאַלט וואַסער, וואָס מיר פּלעגן באַקומען מיט דער גרעסטער לעבנס-געפֿאַר. נישט איינמאָל האָבן מיר אָפּגעקאָכט עסן מיט רעגן-וואַסער.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען בין איך איינמאָל שווער קראַנק געוואָרן — דערציילט ווייטער פֿרוי פֿאַלק. — 2 וואָכן בין איך געלעגן אין פֿיבער ביז 41 גראַד. קיין שום הילף האָב איך נישט באַקומען. אַלע האָבן געגלויבט, אַז איך וועל שוין אויסגיין. ווי אַזוי איך בין געזונט געוואָרן און לעבן-געבליבן ווייס איך נישט.

דאָס גאַנצע לעבן אונטן איז געווען אַ נס. יעדער טאָג אַן אַנדער נס.

איינמאָל הערן מיר ווי אינדערהויך, אין אונדזער וואוינונג איבער אונדזערע קעפּ, נעמט מען אַרויס די זאַכן מיט די מעבל. מיר זיינען געזעסן און נאָר געציטערט, אַז אַ קינד זאָל נישט אָנהייבן צו וויינען. צום אומגליק האָט געדאַרפּט טרעפן, אַז אַ מויז האָט געגעבן אַ ביס אַ קינד אין אויער בעת עס איז געשלאָפן. דאָס קינד האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. מיר הערן אונטן ווי אַ קריסטין טוט אויבן אַ זאָג:

— „אָ, יעזו, גלאָס דזשיעצקאַ" (אָ, יעזוס, אַ קינדערשע שטימע).

די דייטשן הייבן גלייך אָן אויפהאַקן די פאָדלאָגע. טרעפנדיק אָבער בלויז אויף זאַמד, זוכן זיי נישט ווייטער און גייען אַוועק. ביינאַכט זיינען 4 פון אונדז געגאַנגען באַקן ברויט אין אַ צווייטן פלאַץ. מיר האָבן אויף זיי געוואַרט די גאַנצע נאַכט. צוריק זיינען נאָר געקומען צוויי. אַ פּאַטרול האָט זיי אַנטדעקט. מיין שוואָגער שלמה ראָזנבוים, און אַ מיידל, זינא קאָסאָווסקאַ, האָבן באַוויזן אַרונטערצושפּרינגען פון דריטן שטאָק, זיך גערא ַטעוועט און צוריקגעקומען. די אַנדערע צוויי האָט מען אַוועקגענומען. פון איינעם איז געבליבן אין דער „מאַלינע" מיט אונדז אַ פרוי מיט צוויי קינדער. די משפּחה ווערט קלענער און די צוויי פאַרלאָרענע מענער פעלן אונדז.

מיר פאַרלאָזן די „מאַלינע"

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָבן מיר פאַרבראַכט ביזן 2טן נאָוועמבער 1943. איינמאָל ביינאַכט, ס'איז געווען די נאַכט פון שבת אויף זונטיק, גייען אַרויס מיין מאַן און דער שוואָגער צום אָפּקאָכן עפּעס. אין צען מינוטן אַרום הערן מיר אַ שאָס און

אַ לויפּעניש. מיר הערן דייטלעך טריט, ווי מען פֿאַרלאָזט אונדזער הויף. עטלעכע מינוט שפּעטער גייט אַרוים מיין שוואָגער אַ קוק געבן וואָס עס איז געשען, אפֿשר ליגט עמעצער פֿאַרוואונדעט, אָדער טויט, אָבער ער האָט קיינעם ניט געפֿונען. מיר זיינען געבליבן אין דער באַהעלטעניש 4 פֿרויען, 1 מאַן און 5 קינדער. מוט און כּוח ווייטער צו קעמפֿן איז געוואָרן אַלץ וויניקער. דאָס וואַסער, וואָס מיר האָבן געהאַט אין רעזערוו, האָט געהאַלטן ביים אויסגיין. עסן וואָס צו געבן די קינדער איז שוין נישט געווען. דער איינציקער לעצטער מאַן זאָל איינשטעלן פֿאַר אונדז דאָס לעבן האָבן מיר נישט געוואָלט, און מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסגיין ביינאַכט און זען אַלע צוזאַמען זיך איבערקלייבן אויסערן געטאָ. אפֿשר וועלן אונדז גוטע קריסטן באַהאַלטן.

אין מזלדיקן טאָג, דינסטיק, פֿאַרלאָזן מיר אונדזער „פּעסטונג".

— מאַמע, גיי נישט! — בעט זיך ביי מיר דאָס קינד.

אָבער מיר האָבן נישט קיין אַנדער ברירה. דער שוואָגער נעמט-מיט אַ האַק, כּדי דורכצוברעכן דעם געטאָ-פּאַרקאַן. דער אָוונט איז חושך, פֿינצטער, אָבער אפֿילו אין דער פֿינצטערניש זעען מיר דעם שרעקלעכן חורבן אין געטאָ. פֿענצטער און טירן ווייט געעפֿנט, צעבראָכן. אין די הייזער גופֿא — אַלץ צעהאַקט. דאָס פּאָגראָם-בילד און די פֿינצטערניש צוזאַמען וואַרפֿט-אָן אַן אימה. ענדלעך זיינען מיר ביים פּאַרקאַן. אָט-דעם פּאַרקאַן, וואָס מיר אַליין האָבן געהאָלפֿן מיט צוויי יאָר צוריק אויפֿבויען. מיר ברעכן אוים אַ ברעט און מיינען, אַז מיר זיינען שוין פֿון יענער זייט געטאָ. צו אונדזער גרויסער איבעררראַשונג שטעלט זיך אָבער אַרוים, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ פּאַרקאַן פֿון אַן אָפּגעצוימט פּלאַץ, וואו עס האָט זיך געפֿונען אַ מעדיצינישע

באַזע פֿון די דייטשן. מיר הערן שיסערייען. ערשט איצט שטייען מיר פֿאַר אַ טויער און מיר קאָנען נישט אַדורך. מיר הייבן־אָן מיט אַן עסלעפֿל אונטערצוגראָבן אַ לאָך אונטערן טויער. מיר גראָבן אַזוי לאַנג, ביז די לאָך איז אַזוי גרויס, אַז מיר קאָנען אַדורכשטופּן די קינדער. מיר, גרויסע, קלעטערן אַריבער איבערן פּאַרקאַן, און מיר זיינען אויף יענער זייט גענטאַ. כּדי נישט צו גיין אַזויפֿיל מענטשן צוזאַמען, צעטיילן מיר זיך אין צוויי גרופּעס. מיר וואַנדערן איבער קריסטלעכע גאַסן. מיט האַרצקלאַפּעניש עפֿענען מיר די ערשטע טיר פֿון אַ שטוב. עס איז אַזוי ריין, עס איז אַזוי היימלעך, עס פֿילט זיך אַזאַ וואַרעמקייט. עס ווילט זיך כאָטש נאָר אויף אַ פּאָר מינוט לאָזן די קינדער זיך אָנוואַרעמען.

— פּאַר באַהאַלטן זשידעס קומט טויט־שטראָף! — זאָגט די קריסטין.

און מיר גייען ווייטער. מיר דערזעען אַן אָפֿענעם קלאָזעט. מיר גנבענען זיך אַריין קיינער זאָל אונדז נישט באַמערקן. דאָרט זיצן מיר איבער די נאַכט. די קינדער עסן שטילערהייט אַ שטיקל ברויט און פֿאַרטרינקען מיט אַביסל קאַלט וואַסער, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו פֿרירן. ס'טוט ווי דאָס האַרץ קוקנדיק אויף די קינדערלעך. זיי פֿאַרשטייען די לאַגע. זיי זיינען ערנסט און זייער אָפּט הערט מען פֿון זייערע הערצעלעך ווי ס'רייסט זיך אַרויס אַ טיפֿער זיפֿץ.

אין די נעגל פֿון שונא

פֿאַרטאָג דערזעט אונדז דער באַלעבאָס פֿון הויף און הייסט אונדז זיך אָפּטראָגן פֿון דאַנען וואָס שנעלער. מיר וואַנדערן ווייטער. מיר זיינען שוין באַלד ביי דער באַן. מיר ווילן זיך לאָזן גיין צו מאַזאָוויעצקע, צו מיין גאַס, וואו אַלע קענען מיך, אפֿשר

וועט אונדז דאָרטן אימעצער אויפֿנעמען. עס איז 6 פֿאַרטאָג. מיר זעען פּאָליאַקן גייען שוין צו דער אַרבעט, מיר גייען אָן לאַטעס, אָבער מען הייבט־אָן אויף אונדז צו קוקן. אונדזערע פּנימער זיינען געל, עס ליגט אויף אונדז די שוואַרצקייט פֿון דער נאַכט. עלף וואָכן אָן לופֿט, אָן ליכט. מען קוקט אויף אונדז ווי אויף מענטשן פֿון יענער וועלט. דער טאָג שטעלט זיך איין אַ שיינער. עס גייט אַרום די שטראַלנדיקע, ליכטיקע זון, אָבער אונדז ווערט וואָס אַ מינוט אַלץ פֿינצטערער. די קינדער בעטן זיך מען זאָל זיך אַביסל אָפּרוען. מיר זיינען אויפֿן פּלאַץ פֿון שוויענטי ראָך. פּלוצלינג דערזעען מיר פֿונדערווייטנס דעם שונא, אַ דייטש מיט אַ ווייסרוס.

— הענדע האָך, איר זייט יודן!

מיר זיינען זיך, נאַטירלעך, גלייך מודה. די קינדערלעך פֿילן די געפֿאַר און וויינען זיך שרעקלעך פֿאַנאַנדער.

— מאַמע, זאָג אים, אַז איך בין אַ גוטע מיידעלע, איך וויל לעבן, — בעט זיך מיין טאָכטערקע.

ביי די באַנדיטן דערוועקט זיך אויף אַ רגע אַ מענטשלעך געפֿיל. איינער הייבט־אָן צו באַרואיקן דאָס קינד און פֿירט אונדז אָפּ אין פּאָליציי־רעוויר. די קינדער באַקומען עסן און הייסע קאַווע. ס'איז אַזוי גוט און וואַרעם צו זיצן. ראַדיאָ שפּילט. דורכן פֿענצטער זע איך ווי מענטשן שפּאַצירן און די זון שיינט און די וועלט איז אַזוי שיין. דער ווייסרוס רוימט מיר בעת־מעשה איין אַ סוד:

— איר ווערט גלייך אַוועקגעפֿירט אין תּפֿיסה. ביינאַכט וועט איר דערשאָסן ווערן.

איך בין צופֿרידן. איך וואָלט געוואָלט עס זאָל שוין זיין נאָך דעם.

נאָך עטלעכע שטונדן אָפּזיצן, ווערט געמאַכט אַ פּראָטאָ־קאָל, מ׳הייסט אונדז נעמען די פּעקלעך און מ׳פירט אונדז ערגעץ ווייטער. 2 יאָר האָב איך שוין נישט געזען די ביאַליסטאָקער גאַסן. אַלץ איז מיר אויסגעקומען אַזוי פרעמד. שטייענדיק אויפן פּלאַץ פון שטאָט־זייגער האָב איך געזען פונדערווייטנס דעם וואַלד. אַלץ איז אַראָפּ, אַלץ פאַרשוואונדן. מיר גייען און אַרום אונדז הייבן זיך אָן ביסלעכווייז צו זאַמלען מענטשן, אויסגע־פּוצטע פרויען, לאַכנדיקע קינדער.

— זשידזשי, זשידזשי! פונוואַנען האָבן זיי זיך גענומען איצט? — הערט מען זיך וואונדערן.

מען פירט אונדז אַריין אין זאַמענהאָף־גאַס. די גאַס איז נישט צו דערקענען. הוילע חורבות. דער עולם לויפט אונדז נאָך. דער דייטש כאַפּט אַרוים דעם רעוואָלווער צו צעטרייבן דעם עולם. מיר קומען אָן אויפן פּלאַץ, וואו עס איז געווען אַמאָל אַסטראָווסקים האָטעל. היינט איז עס דאָס געסטאַפּאָ־הויז. מען הייסט אונדז אַוועקשטעלן זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט. זי האָט געהייסן „די וואַנט פון טרערן". דאָרט פלעגט מען ברענ־גען יידן, וואָס מען פלעגט כאַפּן אויף אַרישע פּאַפּירן. דאָרט פלעגן זיי דערשאָסן ווערן, אָדער שטיין אַזוי לאַנג נאַקעט ביז זיי פלעגן געפרוירן ווערן. דער אוקראַינער שטעלט־אָן די ביקס קעגן אונדז.

— מאַמע, איך וויל לעבן! — שרייט מיין קינד.

איך וויל שוין הערן דעם שאָס. איין וואונטש האָב איך געהאַט אין דעם מאָמענט, דעם וואונטש, אַז די ערשטע קויל זאָל מיר טרעפן. מיר שטייען אַזוי צען מינוט און יעדע סעקונדע וואַרטן מיר אויפן טויט. פּלוצלינג הייסט ער אונדז זיך אויס־דרייען און ווייטער גיין מיט אים. ער פירט אונדז אַריין אין אַ קעלער. אויף דער ערד ליגט אַ שטרוי־זאַק. מיר פאַלן אַלע

גלייך טויט מיד און שלאָפֿן־איין. מיר אָבער נעמט קיין שלאָף נישט. מיר בלייבן דאָרט ביז עס ווערט פֿינצטער. דער אוקראַי־נער נעמט ביי אונדז 500 מאַרק און ברענגט צו עסן פֿאַר די קינדער. דאַן קומט אַריין אַ דייטש און בעט מיר זאָלן אים אָוועקגעבן דאָס איבעריקע ביסל געלט.

— מאַמע, גיב אים אָפּ אינגאַנצן, מיר דאַרפֿן דאָס נישט האָבן.

אין תּפֿיסה און ווייטער...

מען הייסט אונדז אַרויסגיין. אַרום און אַרום שטייען דייטשן מיט ביקסן, ווי מען וואָלט געפֿירט די גרעסטע פֿאַרברעכער. עס ווערט אויף אונדז אַ לאַסט־אויטאָ. מען פֿירט אונדז אַוועק. מיר זיינען זיכער, אַז מען פֿירט אונדז אונטערן שטאָט צום דערשיסן. אָבער מען לאָזט אונדז אַראָפּ אויפֿן הויף פֿון דער גרויסער ביאַליסטאָקער תּפֿיסה. עס ווערט געמאַכט אַ רעוויזיע. מען נעמט אונדז אַלץ אַוועק און מ׳פֿירט אונדז אָפּ אין אַ פֿינצטערער צעלע. די צעלע, וואו עס פֿלעגן זיצן די שווערע פֿאַרברעכער. מיר פֿאַלן אויף האַרטע ברעטער און שלאָפֿן איבער די נאַכט. 6 אַזייגער פֿאַרטאָג ווערן מיר געוועקט. מען ברענגט אונדז שוואַרצע קאַווע מיט ברויט. די קינדער וואַרפֿן זיך אויפֿן עסן און בעטן נאָך. פּלוצלינג עפֿנט זיך די טיר, איך גיי אַרויס פֿון מיין צעלע, עס קומט צו מיר צו אַ וועכטער און קוקט מיר אַריין אין פּנים:

— „אַ, דו ביסט אויך דאָ?" — ער דערקענט מיך און דערציילט, אַז אין אַ צווייטער צעלע געפֿינט זיך מיין מאַן. ער ברענגט מיר ברויט מיט פּוטער פֿאַר די קינדער.

אין אָוונט פֿירט ער מיך אַריין אין דער צווייטער צעלע, וואו איך זע מיין מאַן. די שׂמחה האָט געדויערט אייניקע מינוטן.

איך ווער געוואָר אַז אין דער תּפֿיסה זיינען געזעסן פֿאַר אונדז אַ סך יידן, וועלכע מען האָט אַרויסגענומען פֿון די „מאַלינעס". מען פֿלעגט זיי דאָ האַלטן עטלעכע טעג, און ווען עס פֿלעגט זיך אויפֿקלייבן אַ גרעסערע צאָל, פֿלעגט מען זיי אַוועקפֿירן אינגאַנצן נאַקעט אין פּעטראַשע, ביי ביאַליסטאָק, וואו מ׳פֿלעגט זיי מיט מאַשין-געווער דערשיסן. יעדע נאַכט האָבן מיר זיך געריכט אויף דעמזעלבן סוף. ביי יעדן קלאַנג פֿון די שליסלען, זיינען מיר גרייט געווען צו גיין דעם לעצטן וועג, דעם וועג צום טויט.

אין תּפֿיסה זיינען מיר געזעסן 2 וואָכן. דעם 14טן נאָוועמבער 1943, אינדערפֿרי, האָט מען אונדז געהייסן פּאַקן די פּעקלעך און אַרויסגיין. אין קאָרידאָר טרעף איך זיך ווידער מיט מיין מאַן. איך בין גליקלעך וואָס איך בין צוזאַמען מיט מיין מאַן און מיין קינד. זאָל זיין וואָס עס וויל, אַבי צוזאַמען. אונדזער גליק האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. פּלוצלינג וואַקסט-אויס פֿאַר אונדז אַ דייטש מיט עטלעכע פּוילישע פֿרויען, און מ׳נעמט אַוועק די קינדער. איך גיב זיך נאָך גאָרנישט אָפּ קיין רעכענונג פֿון דער סיטואַציע. איך באַוויז אַפֿילו נישט זיך צו געזעגענען מיט מיין קינד. זי איז שוין אין פֿרעמדע הענט, ווייט פֿון מיר. איך זע נאָר דעם לעצטן בליק פֿון מיין טאָכטער. איך הייב-אָן צו שרייען, באַקום אָבער אַ קלאַפּ מיט דער ביקס מיין קינד איז מער נישטאָ.

אויפֿן הויף פֿון דער תּפֿיסה האַלט דער אָבער-אינקוויזיטאָר אָבער-שטורם-פֿירער פֿרידל אַ רעדע, אין וועלכער ער באַדויערט וואָס מיר האָבן זיך באַהאַלטן און דערפֿאַר געמוזט אַדורכמאַכן אַזויפֿיל פּייניקונגען און צרות אין תּפֿיסה. מיר האָבן עס דאָך אַלץ געקענט אויסמיידן. מיר וואָלטן דאָך שוין געקאָנט לאַנג זיין דאָרט, וואו עס זיינען אונדזערע שוועסטער און ברי-

דער. אַ מינוט שפּעטער צעשיידט מען מיך אויך פֿון מיין מאַן. צוויי מענטשן, וואָס זיינען געווען פֿאַר מיר אַלץ, האָב איך אויף אייביק פֿאַרלוירן.

מיר פֿאַרלאָזן די תּפֿיסה און מען הייבט אונדז אָן צו טרייבן, צו יאָגן איבערן שאָסיי. מיר דערזעען פֿאַר זיך וואַגאָנעס. מיר ווערן אויפֿגעלאָדן. מענער אין איין וואַגאָן, פֿרויען — אין אַ צווייטן.

מיר פֿאָרן אין דער ריכטונג פֿון די קרעמאַטאָריעס.״

VI

אויפסניי . . .

ביאַליסטאָק, אויפֿן גרענעץ פֿון דייטשלאַנד, אויפֿן שוועל פֿון מזרח קיין מערב-אייראָפּע, איז געווען אָפֿט, אין משך פֿון איר געשיכטע, דער שוישפּיל-פּלאַץ פֿון גרויסע און געפֿערלעכע שלאַכטן. פֿיל בלוט פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער איז פֿאַרגאָסן געוואָרן אַרום דער שטאָט, אָבער ביאַליסטאָק גופֿא איז אין די יאָרן 1941-44, ביים געראַנגל פֿון די פֿינצטערע כּוחות קעגן פֿרייהייט און דעמאָקראַטיע, דורכגעווייקט געוואָרן מיט יידיש בלוט. עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן אַ יישוב פֿון 60,000 יידן, אַ יידיש לעבן, אַ יידישע קולטור.

דעם 27טן יולי 1944 האָט די רויטע אַרמיי באַפֿרייט ביאַליסטאָק.

אויף די חורבות פֿון ביאַליסטאָק הייבט-אָן שפּראָצן אַ ניי יידיש לעבן.

און מקוים ווערט די נבואה פֿון די פּאַרטיזאַנען:

„און וואו געפֿאַלן איז אַ שפּריץ פֿון אונדזער בלוט,
שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט."


דעם אנדענק
פון זעכציק טויזנט
אידישע ברידער
פון ביאליסטאקער
16.8.1943–24.8.1945
עם ישראל חי
Benn

געטאָ־לידער

דאָס ליד פֿון ביאַליסטאָקער געטאָ

(פֿראַגמענט)

אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז דאָך, יידן, אַ געשריי,
אין ביאַליסטאָקער געטאָ, וואו דאָס האַרץ טוט אונדז וויי.

מיר זיצן און מיר קלערן
וואָס וועט פֿון אונדז דאָ ווערן?
מען יאָגט אונדז און מען טרייבט אונדז אויף דער גאַס,
מיט דער לאַטע אויפֿן לאַץ.

פֿרויען לויפֿן מיט די קינדער
גלייך אין יידן־ראַט אַריין
און זיי פֿרעגן אויף די מענער:
ווען וועלן זיי צוריק שוין זיין?

רבקהלע די „שבתדיקע"

(פֿראַגמענט)

רבקהלע די שבתדיקע אַרבעט אין פֿאַבריק,
זי שפּינט אַ פֿאָדעם נאָך אַ פֿאָדעם
ביז עס ווערט אַ שטריק.
און די געטאָ טרויעריקע דויערט אַזוי לאַנג —
טוט מיין האַרץ מיר ווייטאָגן, טוט מיר אַזוי באַנג.

דער מאַמעס צוואה

(מ'פּלעגט עס זינגען אין געטאָ)

אין אַ ליטוויש דערפל ווייט,
אין אַ שטיבל אין אַ זייט,
דורך די פענצטער ניט קיין גרויס —
קוקן יינגעלעך אַרויס.

יינגעלעך מיט גלאַטע קעפּ,
מיידעלעך מיט בלאָנדע צעפּ,
און צוזאַמען דאָרט מיט זיי
קוקן אויגן שוואַרצע צוויי.

אויגן שוואַרצע פול מיט חן
און אַ נעזעלע אַ קליין,
ליפּעלעך צו קושן נאָר,
און אַ קאָפּ געלאָקטע האָר.

די מאַמע האָט אים דאָ געבראַכט,
איינגעוויקלט, שפּעט ביינאַכט,
אָנגעקושט, געוויינט, געקלאָגט,
און שטילערהייט צו אים געזאָגט:

דאָ, מיין קינד, וועט זיין דיין אָרט.
הער דיין מאַמעס לעצטן וואָרט.
געבראַכט האָב איך דיר דאָ דערפאַר,
ווייל דאָרט איז דיין לעבן אין געפאַר.

מיט די קינדער שפּיל זיך פיין,
דו זאָלסט שטיל געהאָרכזאַם זיין.
קיין יידיש וואָרט, קיין יידיש ליד,
אָבער געדענק, מיין קינד, דו ביסט אַ ייד.



דער בית-עולם אין געטאָ

דער פּלאַץ וואו די שול איז געשטאַנען

(פֿאָטאָס גענומען פֿון ביאַליסטאָקער שטימע, ניו-יאָרק)

אַ קינדער־גאָרטן אין געטאָ

דאָס קינד מיטן ווייסן היטעלע איז די אומגעקומענע טאָכטער פֿון מאַשע קלעמענטינאָווסקי

(פֿאָטאָ פֿון ד״ר לונסקי — פּאַריז)